

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 257 פרשת תצוה · תשפ"ה

**שפעקולאציעס:**
ווי א זיגל
ווי א שפיגל!

**א סעודה מיטן ראש ישיבה:**
די שעדליכקייט
פון מאכן
אסאך געלט!

שפיגל: **אויפדעקונג:** די היסטאריע פון טערעפי!

א מעמד צום געדענקען!

## מסיבת הכרת הטוב דורכן "רענט קאמפיין"









## קאנסטראקציע פארשריט ביים בית המדרש אין שטעטל וואס ווערט געבויעט בעזר השם מיט א שנעלע טעמפאו

קרית ברסלב בלעטל

פרשת תצוה תשפ"ה • 257


קען אלקאהאל ווערן פארפרוירן? 9



סעודת השבת אבידה 24



צום שמייכלען חלק ב' 48




9 אלץ און אלעמען

16 וועלטליכע נייעס

28 סעודה מיטן ראש ישיבה

50 געשעענישן



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינא גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרוך



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידיש שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


**זמנים**
תצוה ח' אדר

הדלקת הנרות . 05:38
מוצאי שבת ..... 07:10

**מנחה מעריב**
**פרשת כי תשא 7:55**









אברהם משה שטראססער

# ווען 'נהפוך' איז גאר 'הוא'

אז דו ווילסט אסאך - טו ווייניג.

אז דו ווילסט קענען און פארשטיין קלאר - זאג די ווערטער.

אז דו ווילסט אפצאלן ריזיגע חובות - באצאל א 5'ער אויף א מאל

ווילסט דיין קינד זאל זיין אפגעזונדערט פון תאוות, פון עבירות - געב אים ווי יונגער א שידוך.

אז דו ווילסט שלאפן, זאטע יארן, זיך גוט אויסרוען - זעה צו האבן ווי מער קינדער וואס דרייען איבער.

אויב לייגט ער נישט קיין תפילין, היט נישט קיין שבת, עסט נבילות וטריפות - רעד נישט צו אים בכלל פון תפילין, שבת, כשרות.

אויב לייגט ער תפילין מיט א ברען, היט שבת מיט פרייד, עסט כשר'ס, פריידט זיך אז ער איז א איד - דאן רעד צו אים פון תפילין, שבת, כשרות.

ווילסט שפארן ריזיגע קאסטן פון חתונה מאכן - לייג א פלאסטישער טישטוך ביי די נאכט פון די חתונה.

ווילסט פארלירן וואג - זע צו עסן א פיינע סעודה, וואש דיך צו "ווייסע ברויט".

ווילסט אויפצוהערן צו פאלן אין עבירות - האלט אין איין חזר'ן ווי גרינג עס איז תשובה צו טון.

ווילסט אז יענער זאל האלטן פונקט ווי דיר - זיי מסכים צו אלעס וואס יענער זאגט.

ווען דאס קינד פארשטייט נישט - רעד צו אים, זיי אים מסביר קלאר.

ווען דאס קינד פארשטייט יא - איז א שאד יעדעס ווארט.

ווילסט אויפטון פאר די גאנצע וועלט - מאך א קליין "פשרה'לאזע" פעסטע קרעמל, וואס האט נישט קיין מגע ומשא מיט די וועלט.

ווילסט מען זאל זיך רוקן ווען דו פארסט אויף א עמערדשענסי רוף - דאן שרייב די ווערטער פארקערט אויף די באמפער פון דיין עמערדשענסי וויקל.

אז דו ווילסט מען זאל זאל קענען שיין אויסליינען דיין נאמען אראפגעזיגלט - דאן קריץ אריין דיין נאמען פונקט פארקערט, אומקלאר, מאך זיכער מען קען עס נישט אויסליינען.

ווילסט צוברעכן דיין גוף - עס גוט, שלאף גוט, געב דעם גוף אסאך רוה, און לייג צו אביסל תפילות, אביסל תורה, אביסל תהילים.

מרדכי האט געוויזן אויפן שיך די זיגל, המן האט גארנישט געזען, אבער מיט יעדן טריט האט דער צדיק נאכאמאל אפגעזיגלט "המן איז מיין קנעכט".

ווילסט אויפטון - טו גארנישט, לאז עס פאר די וואס לאזט עס פארן אייבערשטן.

דו דארפסט טון - דו דארפסט נישט אויפטון.

ווילסט שפירן א טעם אין דאווענען - זאג די ווערטער אן צעגערן

ווילסט זיין א משכיל, א פארשטייער, א טיפער - ניץ דיין שכל אזויפיל ווי א בהמה ניצט זיין שכל, אשר נתן אלוקים "חכמה - בהמה".

ווילסט יענער זאל פארשטיין די נקודה - זיי אים מסביר ווי גערערכט ער איז.

שלום בית, מ'שלאגט זיך מ'... ס'איז געפערליך, די שטוב צופאלט - זאג איין גוט ווארט, איך דיר ליב.

די ערשטע טריט אויף צו היילן די נפש, אנקומען צו די ריכטיגע טערעפי - הייב אן פארמאכן די מאפיאנערישע, טעראריסטישע ארגאניזאציעס - טעראפיסטן.

**פאלגט נאך אינעם פורים בלעטל די שפעקולאציעס המבואר.**

# דעם טור בית יוסף וואס מ'האט דורכגעאקערט, ס'איז געווארן מיינס.

אנשי שלומינו איבער די גארער וועלט נעמען אנטייל אינעם גראנדיעזן אפיעל, זייענדיג מקבל אויף זיך צו גיין נאך געלט בימי הפורים הבעל"ט און אריינברענגען טויזענט דאלער פאר אונזער כולל. אונזער מקום תורה. אונזער שטאלץ.

די שכר פון די לומדי תורה וואס זענען מקיים דעם 'כי הם חיינו ואורך ימינו' איז אין לשער, דורכן שטיצן דעם כולל איז זיין תורה געווארן דיינס.

# די שכר פון די עמלים בתורה גייט פאר זיי

זיי זענען זיך מקבל צו גיין נאך געלט פארן כולל בימי הפורים הבעל"ט

אברהם חיים וויזל
אברהם צוויבל
אייזיק ראטה
איתמר אינדיג
אלי' זעלקאוויטש
אליהו ציג
אנשיל ראזנער
אהרן לונגער
אשר קרויס
בנציון ברוין
בערל שניטצלער
דוד ניישטיין
דוד דייטש
דוד פוקס
מנחם זאב שטערן
זלמן לייב מייזליש
זעליג שפילמאן
חיים דוד ראזנבערג
חיים זאב זעלקאוויטש
חיים ישעי' דעפריז
חיים ישראל אפפעלבוים
חיים שלמה טויסיג
יואל טייטלבוים
יואל משה פליישמאן
יואל נחמן גלויבער
יואל ראטענבערג
יואל שניטצלער

יואל אפנהיים
יואל לאנדא
יואל פעדער
יודל אייזנער
יקותיאל יודא איינהארן
עזריאל יודא פריינד
יודל ווערצבערגער
יודל פעלדמאן
יוסף יאקאבאוויטש
יוסף פעלדמאן
יוסף ברילל
יוסף מאיר שטיין
יושע איינהארן
יושע סופר
יעקב יוחנן איידליס
יעקב האלפערן
יעקב מייזליש
יצחק אייזיק ראטה
יצחק ראזנבוים
יצחק יונה זאבעל
ישראל חיים זילבער
ישראל חיים ברוין
ישראל מאיר ראטנבערג
מרדכי ראזנבערגער
מנחם שטיינבערג
מנשה איצקאוויטש

מענדל שארך
מענדל באלאבאן
מרדכי אהרן היילפרין
משה ארי' לעווי
משה גאטליעב
משה נחום בערגער
משה שארך
נח הערש ווייס
נחמי' דייטש
נחמן נתן בוים
סיני ברוך אייזיקאוויטש
עזרא בוים
ראובן בירנבוים
רפאל פורסט
שאול גאנץ
שמעון גאנצפריעד
שלמה אפפעלדארפער
שלמה וויינבערגער
שמואל מרדכי שטערן
שמואל אייכנשטיין
שמואל גליקמאן
שמעון ניישטיין
שמעון עוזר גרינפעלד
שמעון עוזר מיטלמאן
שמעון ראבינאוויטש
שמשון הערש טייטלבוים

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

רוף אן דער מנהל הכולל **מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו** און זיי דיך מקבל אן אלף'ל, און די תורה פון די לומדים איז דיינס.

347.585.6166

dominogrp.com

# פנינים

## דער באנקיר אין חלום

אין די צוואה וואס א חשוב'ער ירושלים'ער איד, ר' יצחק אייזיק בן טובים (גוטערמאן) עליו השלום האט איבערגעלאזט פאר זיין משפחה, שרייבט ער אראפ א וואונדערליכע מעשה, מיט אלע פרטים, וואס לערנט אונז ווי ווייט מען דארף אכטונג געבן אויף עניני בין אדם לחבירו, און בפרט אין יענעמ'ס געלט.

***

ווען איך בין געווען אין ביאליסטאק אין יאר תרנ"ד אדער תרנ"ה, האב איך געוואוינט ביי מיין שווער זכרונו לברכה [ר' מרדכי דאווידאווסקי], איך האב געפונען דארט אין איינע פון די צימערן א טייערער עלטערער איד, א בלינדער לא עלינו, ר' מרדכי איסערזאהן, וואס איז פאר פערציג יאר געווען דער מגיה און אדמיניסטראטער אינעם גרויסן „אלמנה און אחים ראם דרוקעריי” אין ווילנא.

ווען ער איז בלינד געווארן און ער האט קוים געקענט זען די אותיות אין ספרים (מענטשן און אנדערע זאכן האט ער נאך יא געקענט גוט זען) - האט ער זיך באזעצט אין ביאליסטאק. זיין זון, און זיין איידעם דער גרויסער עושר דיטקאווסקי האבן אים געשפייזט מיט גרויס כבוד, זיי האבן אים געברענגט יעדן טאג צו עסן. ער פלעגט גיין דאווענען אין בית המדרש אויף די נאוואליפיע גאס, און ער איז געווען דארט א גבאי צדקה. אזוי ווי ער איז געווען אליין אין זיין צימער ביי מיין שווער, האט ער מיך געבעטן איך זאל שלאפן מיט אים אין זיין צימער, און מיר פלעגן אסאך שמועסן איניינעם.

פאר מיינע אויגן האט ער אמאל אפגעשריבן א בריוו פאר די פלאץ וואו ער האט אמאל געארבעט, די באקאנטע בית הדפוס פון די אלמנה ואחים ראם, אינעם בריוו האט ער געבעטן זיי זאלן אים שרייבן בכתב אז זיי זענען אים מוחל אויף די אלע יארן וואס ער האט געארבעט דארט, אויב ער איז אמאל נכשל געווארן און נעמען געלט וואס איז אים נישט געקומען וכדומה, עפעס וואס קען זיך מאכן אין אזא לאנגע תקופה פון פערציג יאר וואס ער האט דארט געארבעט.

דער פירערשאפט פון די דרוקעריי האט אים צוריק געשריבן א הערליכע אנטווארט אין גראמען, אז ער דארף זיי נישט בעטן מחילה, נאכדעם וואס ער האט אזוי ערליך און געטריי געארבעט דארט, און זיי האבן אים געשריבן פילע ברכות אויף אריכות ימים ושנים טובות.

ווען ר' מרדכי האט באקומען דעם בריוו איז ער געווארן זייער אויפגעהייטערט און פרייליך, און ער האט מיר געזאגט, דו וואונדערסט זיך אוודאי פארוואס איך האב זיי געשיקט א בריוו זיי זאלן מיר מוחל זיין, וועל איך דיר דערציילן א מעשה, אן אמת'ע מעשה וואס איז מיר איינגעקריצט אין הארץ און אין מח, און האט זייער אסאך משפיע געווען אויף מיר דורכאויס מיין לעבן.

***

ווען איך בין געווען א יונגער בחור'ל, ביי מיין טאטן אין שטוב, איז מיין טאטע זכרונו לברכה איינמאל גערופן געווארן צום פרנס החודש, הגאון הצדיק רבי זלמן ברבי אורי זכרונו לברכה, וואס האט געדינט זיין שטעלע מיט א שטארקקייט און האט געווארפן אן אימה אויף אלעמען, אלע האבן אים זייער מכבד געווען און געשעצט, זייענדיג פון די גדולי ווילנא.

ווען מיין טאטע איז אריבערגעגאנגען צום פרנס האב איך אים געבעטן אז איך וויל מיטגיין און זען דעם אדם גדול, אבער מיין טאטע האט מיך נישט געוואלט מיטנעמען, זאגנדיג אז ס'איז נישט קיין כבוד צו מיטנעמען א קינד צו אזא גרויסער פערזענליכקייט, און ער איז געגאנגען אליין.

ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען נאך עטליכע שעה, האט ער מיך צוגערופן און געזאגט: „מיין קינד, איך וועל דיר דערציילן די וואונדערליכע מעשה אויף וואס איך בין גערופן געווארן צום פרנס”.

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

און ער האט דערציילט, אין מיינע יונגע יארן האבן מיר געוואוינט אין סלוצק, איך בין געווען באוואוסט אלס א גרויסער עילוי, און א גרויסער עושר האט מיך גענומען פאר אן איידעם, ער האט מיר געגעבן נדן טויזנט צוויי הונדערט רובל, וואס איז געווען גאר א גרויסע סכום געלט, דאס געלט האבן מיר איבערגעגעבן פאר א באנקיר דארט אין ביאליסטאק. דער באנקיר איז געווען בלינד לא עלינו, און זיין איינציגסטער זון האט געפירט דעם באנק. דער אלטער טאטע האט אונטערגעשריבן אלע שטרות וויבאלד די באנק איז געווען אויף זיין נאמען.

אין טאג איז געשען א טראגעדיע, דער זון וואס האט געפירט די באנק איז פלוצלונג געשטארבן נאכן ליידן פון א שווערע מחלה לא עלינו, און דער אלטער בלינדער טאטע איז נעבעך געבליבן אליין און פארלאזט, ער האט נישט געהאט די כוחות און מעגליכקייטן ווייטער צו פירן דעם באנק, און עס איז געגאנגען באנקראט. מענטשן וואס האבן געהאלטן דארט זייער געלט זענען זיך צאמגעלאפן ארויסצוכאפן וויפיל געלט זיי קענען אין אזא מצב, און איך האב געקענט ארויסראטעווען פון דארט דריי הונדערט רובל.

מיין שווער האט שוין נישט געלעבט, און איך בין געבליבן איינער אליין אויפן וואסער, אן קיין פרנסה. איך האב געוואנדערט פון איין פלאץ צום צווייטן, ביז איך בין אנגעקומען אהער קיין ווילנא, אל המנוחה ואל הנחלה, וואו איך האב זיך באזעצט, און אזוי איז אריבערגעלאפן זעקס און צוואנציג יאר פון די מעשה פון די באנק אין סלוצק וואס איז געגאנגען באנקראט.

נאכדעם וואס עס איז דורכגעלאפן זעקס און צוואנציג יאר זינט די פטירה פון דעם אלטן בלינדן באנקיר האט ער אנגעהויבן צו קומען אין חלום צו זיינע אייניקלעך, די קינדער פון זיין איינציגסטער זון, מיט א געבעט אז זיי זאלן פרובירן מיט אלע מיטלען מיך

> מענטשן וואס האבן געהאלטן דארט זייער געלט זענען זיך צאמגעלאפן ארויסצוכאפן וויפיל געלט זיי קענען אין אזא מצב, און איך האב געקענט ארויסראטעווען דריי הונדערט רובל.

אפירצוזוכן און מיך טרעפן, און באקומען פון מיר א שטר מחילה אויף די געלט וואס איז מיר פארשווינדן געווארן ביי אים אין באנק, וואס ער האט מיר קיינמאל נישט צוריק געגעבן, ווייל אזוי האט מען אים גע'פסק'נט אין הימל, אז אויף אלעס קען מען אים מוחל זיין, אבער אויף מיין געלט קען מען אים נישט מוחל זיין, ווייל דאס האט מיר געברענגען פילע צרות און איך האב געדארפט פיל וואנדערן פון איין שטאט צום צווייטן, צוליב מיין געלט פארלוסט.

נאכדעם וואס איך בין נאך דאן געווען א יונגער מענטש אן א וועג אין לעבן, און איך בין געווען אנגעוויזן אויף די געלט קריטיש וויכטיג, דעריבער לאזט מען אים נישט האבן קיין מנוחה ביז ער וועט באקומען פון מיר א שטר מחילה אז איך בין אים מוחל אויף אלעס, אזוי האט דער אלטער באנקיר דערציילט פאר זיינע קינדער אין חלום.

צום ערשט האבן די קינדער געטראכט אז דאס איז סתם א חלום, און חלומות שוא ידברו, אבער ווען דער זיידע האט זיי אנגעהויבן מוטשען, קומען צו זיי אין חלום נאכט נאך נאכט און גערעדט צו זיי שטרענגערהייט, האבן זיי פארשטאנען אז דאס איז נישט אזוי פשוט, זיי האבן זיך מייעץ געווען מיטן רב פון שטאט און ער האט זיי געזאגט אז זיי האבן נישט קיין אנדערע עצה נאר זיי דארפן געוואר ווערן וואו איך וואוין און באקומען פון מיר א שטר מחילה.

און צוליב זארג אז אפשר וועל איך נישט וועלן מוחל זיין די חוב אומזיסט, האט דער רב זיי גע'עצה'ט זיי זאלן מיר געבן עפעס א צירונג וכדומה וואס איז איבערגעבליבן פון זייער טאטע'ס ירושה, און מיט דעם מיך מפייס זיין איך זאל מוחל זיין דער חוב.

אזוי האבן זיי געטון, זיי האבן זיך אריינגעלייגט מיך אויפצוזוכן, און זיי זענען דערגאנגען אז איך בין אן איינוואוינער אין די שטאט ווילנא, האבן

זיי אויפגעזוכט עפעס ווערדפול צווישן די ירושה חפצים און זיי האב געטראפן אן אלטע זילבערנע צירונג, אזוי ווי א שטערינבענדיל, וואס זייער פאטער האט איבערגעלאזט און זיי האבן דאס איבערגעגעבן פארן רב.

דער סלוצקער רב האט אראפגעשריבן די גאנצע מעשה אויף א בריוו און דאס אריבערגעשיקט צום פרנס פון ווילנא, און ער האט געבעטן דעם פרנס זאל פועל'ן ביי מיר איך זאל מוחל זיין דעם חוב און שרייבן א שטר מחילה.

נאכדעם וואס דער פרנס האט באקומען דער בריוו מיט די צירונג האט ער מיך אריבערגערופן און מיר געגעבן דעם צירונג וואס מען האט אים געשיקט פון סלוצק, און איך האב דארט אויפן פלאץ געשריבן א שטר מחילה, און דער פרנס האט געשיקט דעם שטר מחילה קיין סלוצק, און פון דעמאלט האט דער זיידע אויפגעהערט צו קומען אין חלום צו די אייניקלעך, און ער האט זיך מער נישט באוויזן צו זיי.

די מעשה האט דערציילט דער טאטע פון ר' מרדכי פאר זיין זון און ער האט אים געוויזן די צירונג וואס ער האט באקומען, און ער האט אים געזאגט: "מיין קינד, איך האב דיר דערציילט די גאנצע מעשה כדי דו זאלסט וויסן אז עס איז דא אן אויג, אן עין רואה, וואס זעט אלעס וואס מען טוט, און אויבן אין הימל איז דא א חשבון אויף אלעס, דארט קען מען זיך נישט ארויסדרייען פון קיין שום זאך, ספעציעל אין ענינים בין אדם לחבירו".

ר' מרדכי האט אפגעהיטן דעם צירונג פאר לאנגע יארן, ביז עס איז אים פארלוירן געווארן.

דער מעשה האט מיר ר' מרדכי דערציילט, וואס ער איז געווען א תלמיד חכם און ירא שמים, און ער האט קיין טראפ נישט מגזם געווען, און די מעשה איז מיר אריין טיף אין הארץ, און נאך אסאך יארן האב איך דערציילט די מעשה פאר הגאון הצדיק רבי אליהו דוד ראבינאוויץ תאומים זצ"ל, באוואוסט אלס דער אדר"ת, וואס איז געווען דער רב דא אין ווילנא.

**נאכדעם וואס עס איז דורכגעלאפן זעקס און צוואנציג יאר זינט די פטירה פון דעם אלטן בלינדן באנקיר האט ער אנגעהויבן צו קומען אין חלום צו זיינע אייניקלעך.**

ער איז געווארן זייער איבערגענומען פון די מעשה, און ער האט מיך אפאר מאל איבערגעפרעגט די פרטים פון די מעשה, און ער האט דאס גוט איינגעקריצט ביים אים אין זכרון, זאגנדיג אז דאס איז א וואונדערליכע מעשה און עס איז כדאי צו דערציילן; עד כאן פון די צוואה פון ר' יצחק אייזיק בן טובים (גוטערמאן) עליו השלום.

* * *

לעצטנס איז צום ערשטן מאל געדרוקט געווארן א קונטרס "עומק הדין" וואס איז געשריבן געווארן דורך דער אדר"ת זצ"ל, א ליקוט פון מאמרי חז"ל און ספרים הקדושים איבער ווי אזוי מען גייט זיך אום אין בית דין של מעלה, און צום סוף פונעם קונטרס ברענגט ער אראפ דעם מורא'דיגן מעשה, וואס ער האט געזאגט דערויף אז מען זאל דאס זען צו דערציילן, און ער פירט אויס דארט: "את זה שמעתי מהנכבד ר' אייזיק בן טובים נ"י מפעה"ק ירושלים ת"ו".

* * *

דאס איז א שטארקע חיזוק זיך צו שטארקן אין בין אדם לחבירו, און בפרט אין נישט צורירן יענעמ'ס געלט, און אויב יא, זאל מען דאס זען צו באצאלן, און בפרט אז מען ווייסט פון די עצה פון תפילה והתבודדות, און די ליכטיגע עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז, קען מען בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען אלע מתקן זיין און באצאלן פאר וועם מען איז שולדיג.

(יישר כח פאר מערכת מן הגנזים פארן מיר שיקן די מעשה און די שטיקל פונעם קונטרס עומק הדין).

*חתימה פונעם דעמאלס'דיגער פרנס פון ווילנא הרה"צ רבי משולם זלמן ר' אורי'ס זכר צדיק לברכה.*



גרשון קרעמער

# איבער אלץ און אלעמען

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com




## פארוואס אלקאהאל ווערט נישט פארפרוירן

### שאלה

**פארוואס ווערט נישט אלקאהאל פארפרוירן? ח. רייזמאן.**

### ענטפער

צוערשט לאמיר קלארשטעלן אז אלקאהאל קען יא ווערן פארפרוירן, איי וועסטו מיר פרעגן, איך זעה דאך אז די אלקאהאל אין פריזער איז נאך פליסיג אפילו נאך א וואך צוויי, בשעת די וואסער ווערט פארפרוירן אין עטליכע שעה, פרעגסט זייער גוט. יעדע מאטריאל האט זיך זיין נאטור וואס דער אייבערשטער האט אים באשאפן ווען ער ווערט פליסיג, און ווען ער ווערט פארפרוירן, פשוטע וואסער ווערט פארפרוירן ביי 32° פערנהייט (0° צעלסיוס) און אלקאהאל דארף זיין גאר גאר קאלט צו ווערן פארפרוירן, אזא קעלט וואס מיר באגעגענען נישט טאג טעגליך.

מען דארף עס לייגן אין א פריזער וואס קען אראפ ברענגען דער טעמפעראטור צו 173.5° אונטער זערא פערנהייט (114.1 אונטער זערא צעלסיוס) כדי עס זאל ווערן "אייז".

ווען מען זעט א איד איז פארפרוירן, ער איז א שטיק אייז, זאג נישט "ער האט נישט קיין אמונה", ווייל יעדער איד באשר הוא שם האט אמונה. די שאלה איז נאר ביי וועלכע טעמפעראטור זיין אייז וועט זיך אויפלאזן, ווען הייבט ער אן זיך צו דערמאנען פון גאט, ווען דער דאקטער האט שוין אויפגעגעבן ער זאגט אז עס איז נישטא מער וואס צו טון, וועט יעדער "מתיר זיין" צו זאגן תהילים

עס זענען דא וואס וועלן שוין לויפן צום אייבערשטן אויך ווען מען דארף מאכן א שווערע טעסט, און מען דערמאנט זיך פונעם באשעפער, און מען בעט אים מען זאגט תהילים, אנדערע וועלן שוין גיין אביסל פריער, ווען מען האט סיי וועלכע צרה, וועט מען זיך דערמאנען אז "אלעס איז באשערט" און מען קען בעטן דעם אייבערשטן, אבער יעדער קען שטייגן אין אמונה.

פונקט ווי מיר האבן דא ערקלערט אז מען קען נישט זאגן אויף א איד "ער האט נישט קיין אמונה", ווייל כאטש א פינטל אמונה האט יעדער איד, קען מען אויך נישט זאגן אויף זיך אז מען האט שוין אמונה, ווייל אמונה איז א זאך וואס מען קען שטייגן דערין עד אין סוף. מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן אים זען אין יעדע זאך, מיר זאלן ווערן דבוק אינעם אייבערשטן, וואס דאס מיינט אויף פשוט אידיש "צוגעקלעבט" צום אייבערשטן, ווי מוהרא"ש פלעגט עס אזוי שיין אראפ לייגן, אז ווען מען קלעבט צוזאם צוויי פאפירן מיט שטארקע גלו, קען מען זיי מער נישט פולקאם צוטיילן, אייביג וועט מיטקומען כאטש אביסל פונעם אנדערן פאפיר ווען מען זאל עס וועלן צוטיילן.

אזוי דארף א איד זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן ביי יעדע געלעגנהייט, וואס דאס בויעט אים אויף די אמונה, און אפילו מיר פשוטע מגושם'דיגע פיצא עסנדע מענטשן זאלן אויך קענען צוקומען צו די גרויסע מדריגה פון דביקות בהשם, און אפילו מיר זעען אויס ווי מיר זענען נעבעך אויס, קרעכצן מיר צום אייבערשטן דארט ווי מיר זענען.

דאס איז אביסל ענליך צו וואס מיר האבן געשריבן מיט עטליכע וואכן צוריק איבער זאלץ אויף די אייז. און אז מען רעדט שוין דערפון ווילן מיר דא פארריכטן א טעות וואס איז דארט אריינגעפאלן אז מען קען אויך נוצן זאמד צו צעלאזן אייז. דער אמת איז אז אין דארפישע געגנטער ווי מען פארט נישט אזוי סאך קען מען נישט נוצן קיין זאלץ צו צולאזן שניי, ווייל די קארס וואס פארן אויף די זאלציגע שניי העלפן צו אויסמישן די זאלץ מיט די שניי, ווייל אויב האט מען נישט קיין קארס, וועט די שניי ברעקל בלויז מאכן א לאך אין די שניי און אלעס אנדערש וועט בלייבן אייז.

דערפאר נוצט מען זאמד פשוט אז די שניי און אייז זאל נישט זיין אזוי גליטשיג, און מען זאל קענען פארן אויף די שניי. ווען די זון שיינט וועט די טונקעלע זאמד אביסל העלפן צו צולאזן די שניי, ווייל די זאמד זאפט בעסער איין די זון שטראלן און ווערן אביסל אנגעווארימט פון די זון וואס וועט צוביסלעך אביסל אויפלאזן די שניי.

# פארשריט ביים
# בית המדרש
# רוקט זיך פאראויס



עס טוט זיך העפטיגע ארבעט אונטערן צענטראלן בית המדרש אויף 181 האשקי ראוד. צענדליגע ארבעטער שטייען אויף זייערע שטעלעס און פירן אויס די פילצאליגע קאמפליצירטע צוגרייטונגען פארן גרויסן נייעם בית המדרש וואס ווערט געבויט גאר געשיקט בסייעתא דשמיא.

ווי שוין באריכטעט האט דער ראש ישיבה אונטערגענומען פאר עטליכע וואכן צוריק דעם גרויסן אונטערנעמונג, פאר וועלכע ער האט זיך אנגעבארגט א מיליאן דאלער, צוליב די גרויסע נחיצות פון בויען א גרויסן בית המדרש וואס איז שוין א מוז אין די טעג, צוליב די גרויסע צאל איינוואוינער און די פילצאליגע אקטיוויטעטן פונעם בית המדרש.

אין די לעצטע וואכן האט מען זיך געררוקט מיט גאר גרויסע טריט, מען האט שוין געענדיגט די עקסקעוועישן, אויסגעגראבן די טיפע גרוב אונטערן בית המדרש, מען האט האט געדארפט גראבן זייער טיף צוליב וואס דער נייער בית המדרש וועט זיין א שטאק אראפ, פלוס וואס די בורות פון די מקוה איז נאך א שטאק אראפציר.

מען האט געדארפט גיסן זייער אסאך קאנקריט אונטערן אלטן בנין צו אונטערפינען, דאס הייסט אז דער אלטער בנין האט זיך געהאלטן אויף דעם בארג וואס איז יעצט געווארן אוועקגעגראבן, און ווען מ'איז מחבר אזא געביידע צו אן אלטן עקזעסטירנדן דארף מען זיכער מאכן אז די אלטע בנין זאל נישט איינפאלן. און דאס האט גענומען היבש צייט, און עס איז זייער אן אחריות'דיגע ארבעט.

ברוך השם אז מ'האט שוין געענדיגט דער חלק, און מ'האט שוין אנגעהויבן גיסן ווענט, זייער הויכע ווענט. אזוי אויך האלט מען שוין טיף אינמיטן די פלאמבינג ארבעט פון אונטער די ערד, וואס מ'דארף פארטיגן איידער מען קען צוגיין צו גיסן די פלאר. מען אינסטאלירט אלע אפלויף און וואסער פייפס, און ווי נאר מען ענדיגט מיט די פלאמבינג אויף א חלק פונעם שטח, גייט מען תיכף צו גיסן די צעמענטענעם פלאר פונעם אונטערשטן שטאק.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ענדיגט מען יעצט די גאנצע פלאמבינג, און ב"ה די האלץ פאר די פרעימינג איז שוין אויך אנגעקומען, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף נעמט מען זיך יעצט צו די האלץ פרעימינג ארבעט אין די יעצטיגע טעג.

מיר האפן אייך צו האלטן אינפארמירט מיט די לעצטע אפדעיטס אין די קומענדיגע וואכן מיט די פארשריט פון די ארבעט בסייעתא דשמיא. דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם בית המדרש זאל ארויסקומען אסאך תורה תפלה, און כבוד שמים.

# היכל הקודש
# נייעס



סטעטן איילענד

## א באזון אין סטעטן איילענד בית המדרש

אין אלע חרדישע געגנטער הערשט א שטארקע דירות קריזיס. קיין עין הרע, געבענטשטע משפחות, מיט אסאך קינדער, און די פארלאנג פון דירות איז שווער נאכצוקומען, דאס האט צוגעברענגט אז עס האבן זיך געעפנט פילע נייע געגנטער ארום די אלטע אידישע שטעט.

אריבער דעם ווערעזאנא בריק פון בארא פארק, האט זיך אין די לעצטע יארן אנטוויקלט ב"ה א הערליכע שנעל וואקסנדע שפרודלדיגע היימישע געגנט אין סטעטן איילענד, עס וואוינען שוין דארט קרוב צו טויזנט משפחות פון אלע חרדישע קרייזן.

צווישן די פילע נייע תושבים געפינען זיך אויך פילע חסידי ברסלב, תלמידי היכל הקודש, און מען האט איינגעזען אז עס איז צייט פאר א בית המדרש היכל הקודש אין סטעטן איילענד, ווי מען זאל זיך קענען מחזק זיין בעבודת ה' אויפן וועג וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט. מיט בערך איינס און א האלב יאר צוריק האט מען זיך ב"ה אריינגעצויגן אינעם נייעם בית המדרש, און מען האט עס באנייט.

יעצט ווען זאכן האבן זיך שוין ב"ה געסעטלט, איז געווען צייט מען זאל ענדיגן די ארבעט פון איבערפרישן דעם פלאץ, דער געטרייער גבאי מו"ה יוסף זינגער הי"ו האט זיך אריינגעלייגט אין די ארבעט, און אין די לעצטערע וואכן האט מען אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו איבערפרישן און פארענדיגן דאס פלאץ ווי עס פאסט פאר א בית ה'. אנשי שלומינו זענען שטארק דאנקבאר פאר איינע פון די חשוב'ע מתפללים מו"ה שמעון לעווי הי"ו וואס האט מנדב געווען די הוצאות. מען האט געלייגט א גענצליך נייע פלאר, מען האט געלייגט פרישע טירן, און נייע מאלדינגס.

דער בית המדרש "היכל הקודש" אין סטעטן איילענד געפינט זיך אויף 319-A ברעדלי עוו. - אנשי שלומינו קומען זיך צוזאם אויף אלע דריי תפילות, דער גבאי מו"ה יוסף זינגער הי"ו לערנט פאר שיינע שיעורים שבת אינדערפרי און ביי שלש סעודות, און מען איז זיך מחזק בדיבוק חברים מיט די ווערטער פונעם רבי'ן און זיינע תלמידים.

ווי געזאגט האט מען געדארפט לייגן נייע טירן, און מען האט דערפאר געדארפט אראפנעמען די מזוזות, און יעצט ווען עס איז פארטיג געווארן איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען מחזק זיין אנשי שלומינו אין שטאט, און געקלאפט די מזוזות צום גרויסן געלעגנהייט.

נאכן קלאפן די מזוזות האט דער ראש ישיבה אנגעווינטשן פאר די גבאים און פאר אנשי שלומינו מען זאל מצליח זיין אין אלעם וואס זיי טוען.

דער באזון האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אלעמען, מען האט זיך זייער אויפגעפרישט אויף אנצוגיין ווייטער!

# שטא ווער זאל לאכן

לכבוד חודש אדר וויל איך אוועקפארן פון אונזער געוועהנטליכע סדר זיך צו האלטן שטרענג צום אמת און נישט ח"ו אוועקפארן, אבער פאר דעם ארטיקל וויל איך אוועק פארן צו א נייע מהלך. די מהלך פון פארשן און זוכן און נישטערן, דאס הייסט אז מיר וועלן בשעת'ן שרייבן געוואויר ווערן פרישע זאכן וואס איז נישט געווען באקאנט פארדעם, אנדערש ווי ביז יעצט ווען מיר קומען ארויס מיט די גאנצע קלארקייט שוין אין אנהייב פונעם ארטיקל.

אזוי ווי איינער פון מיינע נעמען זענען דאך היסטאריקער, האב איך באשלאסן זיך צו ארייננטון יעדע שטיק צייט אין א געוויסע נושא און ארויסברענגען די היסטאריע דערפון, מיר וועלן בעז"ה זוכן און נישטערן אין די ארכיוון צו קענען זיין קלאר אין די היסטאריע פון געוויסע נושאים.

צום ערשט וועלן מיר זיך ארייינלייגן אויסצוטאפן די היסטאריע פון וואו עס קומט די פילע טערראפיסטן און טערראפיסטישע מעטאדן וואס דרייען זיך ארום צווישן פילע היימישע אידן בכל קצווי תבל, מיר וועלן עס צוטיילן אין צוויי חלקים, די ערשטע חלק וועט זיין איבער פון וואו שטאמט די פאך פון זיין א טערראפיסט, דאס הייסט וועלכע סארט מענטש איז דאס מערסטע פאסיג צו זיין א טערראפיסט, און די צווייטע חלק וועט זיין איבער די אומנות פון טעראפי, נעמליך די מעטאדן און די פארשידענארטיגע מיטלען מיט וואס די טערראפיסטן באנוצן זיך.

"פון וואו שטאמט די ארבעט פון זיין א טערראפיסט?"

לאמיר ארייינגיין טיפער: עס איז פארהאן געוויסע סארט ארבעט און ארבעטער וואס גייט שוין אן מדור לדור צוריק מיט טויזנטער יארן, צום ביישפיל א בעקער, שוין פאר יארן יארן פירט מען זיך צו נעמען וואסער מיט מעל, מען טוט זיי צוזאמקנעטן און פאבריצירן א טייג און דאן דאס אויסוועלגערן און ארייילייגן אין אויוון און אפבאקן.

מיט די יארן זענען מענטשן אויפגעקומען אז אויב לייגט מען צו געוויסע סארטן צוקער צום טייג דאן ווערט עס א געשמאקע קוכן, עס האט זיך געטוישט אז א בעקער דארף שוין נישט היינט גיין האקן האלץ צו אנהייצן דעם אויוון און נאך פארשידענע זאכן וואס זענען גרינגער געווארן פארן בעקער, אבער דאס עצם זיין א בעקער איז שוין אן אלטע פאך וואס פארט פון טאטע צו זון און אזוי ווייטער.

דאן זענען פארהאן נייע סארטן ארבעט, ווי צום ביישפיל א קאמפיוטער פראגראמירער, אדער איינער וואס טוט גרעפיקס, דאס איז נישט געווען מיט הונדערט יאר צוריק, עס איז נולד געווארן מיט אייניגע יארן צוריק. אדער נאך א ביישפיל איינער וואס טוט לאו וואלטעדש און לייגט סעקיוריטי קאמערעס, וואס דאס זענען אינגאנצן נייע סארטן ארבעט וואס איז נישט געווען מיט יארן צוריק.

דאן איז פארהאן א דריטע כתה וואס איז א בחינה פון שעטנז צווישן די ביידע, למשל זיין א טעקסי דרייווער איז א נייע פאך וואס איז געבוירן אביסל נאך וואס די אויטאס זענען געווארן פאפולער, אבער אז מען קוקט אריין טיפער זעט מען אז דאס איז א פארזעצונג פונעם אור אלטן פאך פון זיין א בעל עגלה, אזוי ווי היינט איז נישטא פערד און וועגענער ארומצופירן דעם עולם נאר מען נוצט קארס און ווענס, זענען די אייניקלעך פונעם אמאליגן בעל עגלה געווארן טעקסי דרייווערס.

איז לאמיר זען ווי אונזער טערראפיסט פאסט אריין; און די ערשטע כתה זיכער נישט, כ'גלייב שוואך אז אין תרח'ס צייטן זענען געווען טערראפיסטן מיט איינס ביז צוויי און צוואנציג סטעפ מעטאדן (און אלע נומערן אינצווישן), צו זאגן אז ס'איז אינגאנצן א נייע פאך איז אויך נישט ריכטיג צו זאגן, ווייל עס זענען אלץ געווען מענטשן וואס האבן פארפירט אנדערע...

וועלן מיר אים מוזן ארייינלייגן אין די שעטנז קאטעגאריע, אז בעצם איז דאס אן אור אלטע פאך וואס פלעגט אמאל הייסן 'גניבה', מען פלעגט גראבן א גרוב אונטער יענעמ'ס הויז (ממש יעצט געלערנט אין פרשת משפטים) זיך ארייינכאפן דערינען, ארויסיאגן מיט יענעמ'ס געלט און פארשוואונדן ווערן ווי די שווארצע פעפער וואקסט..

היינט צוליב די טויש פון סאסייעטי איז געווארן זייער שווער זיך ארייינצוברעכן ביי איינעם אינדערהיים און ארויסגנב'נען

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

א פעקל געלט אזוי ווי די אלטמאדישע גנבים פלעגן טון, צוליב וואס עס זענען היינט פאראן קעמערעס איבעראל און מען קען נעמען פינגערפרינטס, האט די ארבעט זיך אדאפטירט צו צופאסן צום היינטיגן וועלט.

לאמיר זאגן אז איינער האט שווער געארבעט און מצליח געווען צו אוועק לייגן א זילבער פאפיר אין פרידזש א בינטל פון צוואנציג-דרייסיג טויזנט דאלער, קען מען עס נישט ארויסכאפן פון יענעמ'ס פרידזש ווייל מען קען אפשר גיין זיצן אין תפיסה, (אויב אבער וואוינט איר אין ניו יארק סיטי' וועט מען איינזעצן דעם וועם איר האט בא'גנב'ט... ווער רעדט נאך אויב אייער עלטער זיידע איז געווען א קנעכט אין אמעריקע, דאן האט איר ממש געטון דאס ריכטיגע מיטן צוריק נעמען די געלט וואס דארף ווען זיין אייער'ס...) זענען די גנבים אויפגעקומען מיט א פרישע געדאנק, מען וועט עס מאכן צוביסלעך, מען וועט ארויסרוקן 600 דאלער א וואך פון דעם אומגליקליכן, און ביז א יאר האט מען ארויס פון יענעמ'ס די גאנצע פינף און צוואנציג טויזנט דאלער... (דער נאמען פון דעם געוויסן טעראפיסט וואס האט דורך געפירט דעם ספעציפישן גניבה אויף איינע פון אנשי שלומינו איז שטרענג געהיטן אין א שופלאד פונעם רעדאקטאר'ס אפיס...)

מען האט אויך געטוישט דעם נאמען אז עס זאל זיך צופאסן צו דעם נייע מהלך, אז עס זאל זיך הערן מער מאדערניזירט, אנשטאט 'א גנב' אדער 'א באנדיט' הייסט מען 'א טעראפיסט', און אנשטאט 'רויבעריי' הייסט עס 'טעראפי'...'

"שטא ווער זאל לאכן..."

דער גנב פארקויפט אזוי: "יא יא, איר קומט צום מיר מיט אייערע פחדים וואס איר האט יא אדער נישט, אדער האט אייך אייער שוואגער געזאגט אז איר האט, און מיר וועלן צושטייטליך ארויסרוקן די גאנצע געלט פון אייך, מיר זענען אזוי פאכמאניש אז איר וועט ניטאמאל שפירן אז איר ווערט יעצט אויסגעליידיגט, עס וועט גיין אזוי ווייט אז אויב האבן מיר שוין אויסגענוצט אייער געלט וועט אייער שוואגער אדער ברודער גאר ארויסהעלפן מיטן אייך צושטייער געבן פון זיין אייגן געלט, אדער וועט ער אפילו גיין נאך געלט אזוי אז איר זאלט האבן מיר צו געבן נאך..."

ליידער ליידער זענען פאראן אידן וואס מוטשען זיך מיט פראבלעמען, און זיי גייען שוין אויף טעראפי צען-צוואנציג יאר. ס'האט זיך מיר געוואלט אים פרעגן, "ווי אזוי קען זיין אז דו טוסט שוין פופצן יאר עפעס און עס זעט אז עס ארבעט נישט און דו טוסט עס נאכאלץ? וויפיל האט דיר עס שוין געקאסט? ווי אזוי קען זיין אז דו באמערקסט נישט אז דו ווערסט דא אויסגעקוועטשט ברבים?"

אז דו האסט א פראבלעם מיט א צובראכענע פיס און דו גייסט צו א פיס דאקטער, אבער דו זעסט אז נאך דריי חדשים קען ער דיר נישט העלפן, דאן



וואלסטו אוועקגעלאפן פון אים ווי דער רוח וואלט דיר געטריבן, אויב אזוי ווי אזוי קען זיין אז דו גייסט צו א טעראפיסט און דו זעסט נאך א יאר אז לדוגמא דיין שלום בית ווערט נישט בעסער, פארוואס ביסטו נאכאלץ ביי אים? פארוואס באשעפער אין הימל פארט רוב פון די געלט וואס דו אדער דיין ווייב מאכן גראד צום גנב??? סתם פון וויפיל מען הערט פון אידן וויפיל געלט זיי האבן שוין אנגעווארן ביי די חברה כאפט א שרעק.

פון איינעם הערט זיך אז ער האט אראפגעווישט א צוואנציג אלפים "זיך" צו טרעפן (נישטא ווער זאל קייכן פאר געלעכטער), פון א צווייטן האב איך געהערט אז זיין רעביצין'ס חבר'טעס האבן איר געזאגט אז אן טעראפי איז נישט מעגליך צו האבן שלום בית, איז ער געגאנגען זייער שיין איינמאל א וואך און אראפגעלייגט זעקס מאה'ס יעדע איינציגסטע וואך פאר א יאר (ס'קומט אויס צו בערך דרייסיג טויזענט דאלער, און דאס אלעס איז געווען אין קעש).

די וואס גייען אויף טעראפי זאלן בעסער אכטונג געבן אויף זייערע הויזן אז ס'זאל זיך נישט צורייסן, ווייל מען גייט עס איין טאג דארפן פארקויפן...

איר האט שוין אמאל געהערט אז ... ווערט אנגערופן דער מלך הבדחנים? אדער אז ... ווערט אנגערופן דער מלך המלחנים? אויב יא איז גוט און אויב נישט ווערט איר דאך יעצט געוואויר איז נישט געפערליך אז איר האט נישט געוואוסט ביז יעצט, אפילו א מלך ה'דרייווערס איז שוין דא היינט. שפיצט אייך אן אייערע אויערן ווייל איך וויל אייך מגלה דעת זיין אז צווישן די טעראפיסטן איז דא איינער וואס ווערט אנגערופן דער מלך ה'טעראפיסטן... (ס'איז ליידער שטא ווער זאל קייכן פאר געלעכטער).

וואס מאכט יענעם אזוי ספעציעל אז ער ווערט אנגערופן דער מלך? דער ענטפער וועט אייך מאכן שטוינען, דער איז אזוי איבערצייגט אז יעדער מוז האבן טעראפי, אז ער אליינס גייט כסדר צו א טעראפיסט... דער זעלבער רחמנות זאגט אויפ'ן באקאנטן האטליין אז ביז צען יאר וועט יעדער דארפן האבן א טעראפיסט... און טאקע ווייל ער איז אזוי קלוג אז ער דארף אליין צוקומען צו א גנב זאל אים אויסזעקלען מיט דעם ווערט ער דעקלערט אלס דער קלוגסטער טעראפיסט און דער מלך ה'טעראפיסטן.

די אזוי גערופענע "אידישע" טעראפיסטן שעמען זיך נישט כסדר ארויסצוגעבן א דזשורנאל, און אויפ'ן פראנט בלאט לייגט מען א גרויסן בילד ווי דער הויכגעשעצטע רויבער טרעפן זיך מיט... ניין נישט מיט א רב אדער רבי וואס פירט אן עדה פון חסידים און האט שוין אסאך געלערנט גמרא און שלחן ערוך און/אדער מיטגעהאלטן ווי אזוי די פארגייער פון די שלשלת צו וואו ער געהערט האבן גע'עצה'ט אידן אין די שווערסטע פאלן און האקלסטע פעלער, נאר מיט א 'פאלנער גוי' ערגעץ אין איינע פון די פארשטופטע געגענטער אין אמעריקע, וואס זיין גאנצע גדולה איז אז ער האט שטודירט יארן לאנג אין קאלעדזש, און אויפגעקומען מיט עפעס א נייע מהלך וואס געוויסע גוים זאגן אליין אז עס העלפט זיי אין חלום...

די טעראפיסטן זיצן און הערן אויס מיט אפענע מיילער אזש די שפייעכץ רינט ארויס דערפון, ווי דער גוי פארקויפט וואס ער האט צו פארקויפן, דאן שרייבן זיי אראפ די גרויס חכמה פון דעם דאזיגע גוי, און עולם גולם לויפט עס קויפן און ליינען... דערנאך גייט מען צו די דאזיגע טעראפיסטן באצאלן אוצרות מיט געלט צו קענען הערן די חכמה וואס זיי האבן אליין געלערנט גראד פונעם גוי.

א קורצע היסטארישע איבערזיכט אויף טעראפיסטן ברענגט ארויף אז אומגעפער מיליאנען דאלארן ווערן פארשווענדעט יעדן איינציגסטן חודש ביי די גנבים הנקרא טעראפיסטן, א בעל תשחית אזוי ווי דעם איז נישטא אין זיינס גלייכן!!

די איבריגע וועגן די רוחניות'דיגע חלק וואס ווערט ליידער פארלוירן ווען מען קומט אן צו די דאזיגע רויבער, און די אלע משפחות וואס זענען געווארן אויס משפחות, וועל איך נישט ארויסברענגען דא, די חלק פון די טעראפיסטן געהערט פאר רבנים און דיינים און ערליכע אידן.

מען קען טרעפן אן ערליכער איד וואס האט אויך לייסענס צו זיין א טעראפיסט, אויב האט דאס פאסירט צו אייך און איר זענט אנגעקומען צו איינער וואס איז באמת ערליך, דאן זענט איר זייער זייער לאקי, איר וועט הערן אז ארויסצוגיין פון אלע פראבלעמען דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן, ער וועט דיר קענען געבן עצות פון די תורה און פון צדיקים, און איר וועט זען אז צוביסלעך ווערט אייך בעסער, פון זיי רעדן מיר נישט בכלל.

מיט דעם ענדיגן מיר די היסטאריע איבער די פאך פון זיין א גנב/טעראפיסט.

דעם צווייטן חלק וואס דאס זענען די מעטאדן און מיטלען וואס די טעראפיסטן נוצן, וועלן מיר מוזן אם ירצה השם אראפברענגען מער באריכות קומענדיגע געלעגנהייט.

פאר הערות אדער קאמענטארן קענט איר לאזן מעלדן אויף

gshimmy1@gmail.com

Liberty | 25 Carrier St, Liberty, NY 12754

ערפארונג
פראפעסיענאליזם
הארץ, **ארבה**



ברוכים הבאים צו די געטרייע
און העכסט געלונגענע
ספיעטש טעראפיסט **מרת**
**חיה ראזענבערג**, צו באדינען
די קעטסקיללס איינוואוינער.

Introducing
# **CHAYA ROSENBERG**, SLP

מיט א ברייטע ערפארונג ארויסצוהעלפן מיט אלע סארט רעדן און שפראך פראבלעמען, מיט איר היימישע אידיש אין צוגאב צו איר העכסט פראפעסיענאלע צוגאנג, שטייט זי גרייט ארויסצוהעלפן פאר אלע סארט שטימע, רעדע און שפראך פראבלעמען.

מיט איר געלונגענע רעקארד און געטריישאפט צו צושטעלן פערזענליך צוגעפאסטע הילף וועט זי דערהערן די שטומע געשריי פון פולע און זיי געבן די מעגליכקייט צו דערהערט ווערן אין די וועלט.

aHava™ medical

845.281.7200

Sun 11 AM – 4 PM | Wed 11 AM – 5:30 PM

Home to better health™

**Optical**
Dr. Roman



גלעזער געדעקט דורך דירעקט מעדיקעיד,
פידעליס, מעטרא פלאס & יונייטעד העלט קעיר

**א וועלט
פון קעיר
אונטער
איין דאך**

MEDIAOTG

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## דעלטא פליגער לאנדעט מיט'ן קאפ אראפ אין טאראנטא קאנאדע

מ'האלט שוין דא נאך די שלושים יום קודם לחג הפורים, און ווי עס שיינט האט א דעלטא פליגער זיך שוין געשפירט אביסל בגילופין, און האט זיך געשטעלט אויפן קאפ בשעת'ן לאנדן אין קאנאדא.

דער פליגער האט געמאכט דער "ונהפוך הוא" אויף א זייער נישט באַ'טעמ'טע וועג, און יעצט ווען מיר גרייטן זיך צו פורים דארף מיר זיך גרייטן מיט די ריכטיגע "ונהפוך הוא", אז מיר וועלן איבערדרייען אלע אונזערע עצבות, עצלות און מרה שחורה צו שמחה של מצוה, לעבן מיט'ן אייבערשטן, אנשטאט קריטיקירן ווי עס קומט אריין, אויפקלערן די ווייב, וועלן מיר שיסן קאמפלימענטן אין די וועלט אריין אפילו עס שטימט נישט, מיר וועלן זיין דער וואס וועט איבערבעטן אפילו זי איז גערעכט. ווייל דער סמ"ך מ"ם ארבעט אויך אויף קעסל און כלים צו מאכן אן אנדערע ונהפוך הוא, ער וויל מיר זאלן איבערדרייען דעם פליגער מיט'ן קאפ אראפ און ער וויל מיר זאלן חלילה אפברענען, מאכן א כלי' פון כלל ישראל היל"ת.

די גמרא זאגט (מסכת מגילה דף טו), "תנו רבנן: ארבע נשים יפיפיות היו בעולם: שרה רחב ואביגיל ואסתר", עס זענען געווען פיר שיינע פרויען אויף דער וועלט, שרה, רחב, אביגיל, און אסתר, "ולמאן דאמר אסתר ירקרוקת היתה", עס זענען דא וואס זאגן אז אסתר איז געווען א גרינע - קומט דאך אויס אז זי איז נישט געווען פון די שיינע פרויען, "מפיק אסתר ומעייל ושתי", דעמאלט נעם ארויס פון די ליסטע אסתר, און לייג אנשטאט איר ווּשתי.

שטעלט זיך א קשיא, קודם כל וואס וויל מיר די גמרא דא זאגן? וואס איז אונז נוגע וועלכע פרויען זענען שיין? און בכלל קען מען דען זיך קריגן מיט א פאקט, איז אסתר געווען אויף די ליסטע, אדער ושתי? זאגט דער ראש ישיבה שליט"א אז די גמרא וויל אונז דא זאגן גאר עפעס אנדערש, עפעס וואס מיר דארפן זייער וויכטיג וויסן, ווייל דאס קען מאכן א חילוק צי מיר לעבן אויף דער וועלט אין גן עדן אדער חלילה מיר בראטן זיך אין גיהנום נאך ביים לעבן. מ'קען הערן נעבעך מענטשן וואס מאכן חוזק פון שלום בית, זיי האבן נישט ליב צו זיין אינדערהיים, זיי וויסן נישט פארוואס זייער ווייב איז נישט אויף די שיינע ליסטע אין זייער אויגן, זיי טראכטן נעבעך "אסתר ירקרוקת היתה", אין זייערע אויגן זענען זיי נעבעך ארייגעפאלן מיט אזא נעבעכדיגע יאנטשי גרינע ווייב, אויף דעם זאגט די גמרא "מפיק אסתר ומעייל ושתי", ווייל דו היטסט נישט דיינע אויגן נעבעך, דו טראכסט אז ושתי - די שמוציגע גאס איז שיין, דערפאר ווערט נעבעך אסתר דיין הייליגע ערליכע אידישע אשת חיל ארויסגענומען.

יעצט ווען עס קומט פאר פורים זאגט דער הייליגער רבי נתן די עצה מען זאל גערעטעוועט ווערן פון דעם גיהנום - אז א מענטש זאל בעטן דעם אייבערשטן מען זאל גערעטעוועט ווערן פון קליפת המן עמלק, וואס דאס מיינט בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך פאר'מיאוס'ן אין די מיאוסע אינטערנעט בילדער, די גויאישע ווידיאס, וואס דאס איז קליפת המן ושתי און עמלק, און מען זאל באקומען א געפיל צו מרדכי ואסתר, מען זאל ליב האבן אהיים צו גיין און לעבן באהבה ואחוה שלום וריעות אזוי ווי די תורה האט געזאגט.

דער דעלטא פליגער וואס איז אפגעפלויגן פון מיניאפעליס - אינדיאנע, אפערירט דורך ענדיוואר עירליינס, האט זיך אנגעשטויסן אין גאר שטארקע ווינטן בשעת'ן לאנדן אין טאראנטא פיערסאן לופטפעלד אין קאנאדע, און האט זיך איבערגעדרייט מיט'ן קאפ-אראפ-פוס-ארויף בשעת'ן לאנדן, דער צוזאם שטויס מיט'ן ראנוועי האט גורם געווען אז דער פליגער האט אנגעהויבן צו ברענען פון דרויסן, אבער דער אייבערשטער האט געהאלפן אז אלע פאסאזשירן האבן באצייטנס עוואקואירט, און טראץ דעם שווערן עקסידענט איז קיינער פון די אכציג מענטשן אויפן

פליגער נישט אומגעקומען. עס זענען באריכטעט געווארן פופצן פארוואונדעטע, צווישן זיי דריי ערנסט פארוואנדעט, און איינער גאר ערנסט, אבער קיינער זעט נישט אויס צו זיין אין א לעבנ'ס געפאר.

**הצליני מקליפת המן עמלק, וזכני לקדושת מרדכי ואסתר.**



# גרויסער נס ראטעוועט הונדערטער אידן פון א גרויסע אומגליק רח"ל

אין די טעג האט דער אייבערשטער באוויזן גרויסע נסים פאר אידישע קינדער אין ארץ ישראל, ווען עטליכע טעראריסטן האבן געוואלט אויפרייסן פילע באסעס אין די פריע פארמיטאג שעות פון ערב שבת קודש ווען זיי זענען פול מיט פאסאדשירן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, און געראטעוועט אידישע קינדער פון דעם גרויסן אומגליק.

עס האט זיך אנגעהויבן ווען איינער האט באמערקט דאנערשטאג עטליכע מינוט פאר ניין אזייגער אוונט אז עס איז דא א פעקל איבערגעלאזט אויפן באס, ער האט אויפגעמערקט דעם דרייווער וועלכע האט תיכף אראפגעשיקט אלעמען פונעם באס, און עטליכע מינוט דערויף האט דער באס עקספלאדירט אין א גרויסע פייער באל, דאס האט אנגעצינדן אן אלארם ביי די אינסטאנצן וועלכע האבן זיך געיאגט צו אונטערזוכן אלע אנדערע באסעס, און מען האט געטראפן נאך פינף באמבעס וואס זענען אלע געווען אנגעשטעלט צו אויפרייסן ניין אזייגער AM פרייטאג, דער אייבערשטער וועלכע האלט אויף אונז זיין רעכטע האנט, האט געמאכט אז דער רוצח זאל מאכן א טעות און אויף איין באמבע האט ער אנגעשטעלט דעם זייגער אז עס זאל אויפרייסן דעם באמבע 9:00 PM וואס האט אויפגעוועקט אלעמען צו די סכנה, און אזוי האט אונז דער אייבערשטער געראטעוועט. און קיינער איז נישט געשעדיגט געווארן דערפון ב"ה.

מיר זענען מתפלל יעדן טאג "השיבה שופטינו כבראשונה, ויועצינו כבתחילה, והסר ממנה יגון ואנחה" אז דער אייבערשטער זאל שיקן פאר אונז ערליכע מנהיגים געטרייע פאסטוכער, וואס האבן רחמנות אויף זייערע שאף, ווי דער רבי זאגט, אז אזוי ווי ביי משה רבינו, און דוד המלך, און נאך האט דער אייבערשטער זיי אויסגעוועלט אלץ פאסטוך פאר זיינע שאף זענענדיג ווי זיי האבן די מדה פון רחמנות, וואס דאס איז די וויכטיגסטע מדה וואס א מנהיג דארף האבן, ער דארף קוקן מיט רחמנות ווי מיר פלאגן זיך, עס גייט שווער מיט פרנסה, שידוכים, שלום בית, חתונה מאכן די קינדער, און דער צדיק דער בעל הרחמים איז אונז מקרב און געבט אונז עצות, אפעקטיווע עצות וואס העלפט, פראקטישע עצות וואס מיר קענען נאכטון. און דער עיקר רחמנות איז וואס מיר גייען דורך ברוחניות, דער יצר הרע ברענט אין אונז, מיר שפירן נישט קיין טעם אין דאווענען, מיר האבן נישט קיין קאפ און קיין געדולד צו לערנען, קומט דער צדיק און לערנט אונז אויס א וועג, ער כאפט אונז אן און געבט אונז אריין דעם לעבעדיגן "עפל סאוס" אין מויל, דאווען און טון מצות אפילו אן געפיל, לערנען אפילו אן פארשטיין, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס, אז דאס וועט אונז ארויסנעמען פון אלעם שלעכטס.

און אין די זעלבע צייט בעטן מיר דעם אייבערשטן אז די מלכות הרשעה, מלכות הרצח, מלכות האכזריות זאל שוין אונטערגיין, און מיר זאלן שוין מער נישט ליידן פון די ערב רב אין ארץ ישראל, וואס זוכט נאר איין זאך, אני אמלוך, און אויסרייסן די אמונה פון אידישע קינדער.

אבער מיט דעם אלעם וואס מיר גייען דורך פון זיי דאנקען מיר דעם אייבערשטן "ועל נסיך שבכל יום עמנו", דא האבן מיר געזען דער נס שלא על פי דרך הטבע, ווי די רוצחים האבן זיך געגרייטזט און אנגעשטעלט דעם זייגער שלעכט, און דערמיט געראטעוועט זיינע שעפעלעך פון א גרויסע אומגליק רחמנא ליצלן.

**ד' שמרין ד' צלך על יד ימינך!**



# מעשיות פון תפילה

## ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

1. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג אנצוקומען קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש פאר די יארצייט, און ברוך השם איינער פון אנשי שלומינו האט מיר געפרעגט אויב איך וויל קומען מיט אים קיין יבנאל ליל שישי, און אזוי איז געווען, איך האב געהאט א באקוועמע נסיעה פון טיר ביזן טיר.

איך האב אויך געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען אנקומען מיטן קאר ביזן ציון מען זאל זיך נישט דארפן ארויפשלעפן דעם שווערן בארג, און ברוך השם מיר האבן געקענט ארויף פארן מיטן קאר ביז אויבן נעבן ציון.

2. עס איז אביסל שווער צו מסביר זיין די וואנדער פון די מעשה פאר ווער עס ווייסט נישט ווי אזוי עס ארבעט צו טרעפן א פלעי גרופ פאר קליינע קינדער.

איך וועל פרובירן צו מסביר זיין אין קורצן: דא אין ארץ ישראל ווער עס שיקט זיינע קינדער אין פלעי גרופ (פון 3 חדשים ביז 3 יאר), די פרייז וואס מען דארף באצאלן יעדן חודש ווערט באשטימט דורך די שטאט, מען דארף שיקן דאקומענטן און לויט וויפיל קינדער מען האט און נאך כל מיני חשבונות זענען זיי מחליט וויפיל מען דארף באצאלן יעדן חודש. עס ווערט צוטיילט אין 9 דרגות און יעדע דרגה קאסט נאך 250 שקל א חודש פאר יעדן קינד יעדן חודש.

למשל: דרגה 3 באצאלט מען 100 שקל און דרגה 4 באצאלט מען 350 שקל וכו' וכו'.

די יאר האט מען געעפנט זיך צו קענען איינשרייבן און שיקן די דאקומענטן שפעטער ווי יעדע יאר וועגן אפאר סיבות, און עס איז געווארן א גרויסע איבערקערעניש, עס איז נישטא מיט וועמען צו רעדן דארט, מען קען נאר שיקן דאקומענטן אויפן וועבזייטל אדער שרייבן א אימעיל וואס קיינער ענטפערט נישט און מען קען נישט וויסן אויב מען האט געזען דעם אימעיל אדער נישט.

מיר האבן געשיקט די דאקומענטן גלייך ווען מען האט געקענט שיקן אנהייב חודש כסליו, די יאר האבן זיי געמאכט א נייע זאך אז מען דארף נישט שיקן דאקומענטן נאר זיי האבן אליין געבעטן די דאקומענטן פון די חדשים ינואר ביז יוני 24 למספרם, און לויט דעם האבן מיר געדארפט באקומען דרגה 7 וואס דאס איז זייער

אסאך געלט יעדן חודש.

איך האב געשיקט די דאקומענטן פון די חדשים יולי - סעפטעמבער 24 למספרם און איך האב געבעטן זיי זאלן זיך רעכענען מיט דעם און לויט דעם וועלן מיר קענען באקומען די בעסטע דרגה וואס איז דרגה 3.

מיר האבן גלייך אנגעפאנגען בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג אז זיי זאלן זיך טאקע רעכענען מיט דעם און מיר זאלן קענען באקומען די בעסטע דרגה.

א חודש שפעטער באקום איך א הודעה אז מען האט עס מסדר געווען און מיר האבן באקומען דרגה 7...

איך האב זיך נישט מייאש געווען און געשיקט די דאקומענטן נאכאמאל, און נאך א חודש האבן מיר באקומען די פרייליכע בשורה אז עס איז מסודר און מיר האבן באקומען דרגה 7...

איך האב זיך ווייטער נישט מייאש און ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן זיך יא רעכענען מיט די דאקומענטן וואס מיר האבן געשיקט און מיר געבן א דרגה לויט דעם, מיר האבן נאכאמאל געשיקט די דאקומענטן און דעם דאנערשטאג פרשת משפטים האבן מיר באקומען די הודעה אז זיי נעמען אן די דאקומענטן וואס מיר האבן געשיקט און זיי געבן אונז דרגה 3.

שכח אייבערשטער. שכח אייבערשטער. שכח אייבערשטער.

## שלמה זאלדאן

בני ברק

מיר זענען ברוך השם געווען ביים ציון הקדוש אין יבנאל, דעם פאראגנגענעם ליל שישי בא, מיר האבן זיך געקענט גוט אויסגיסן דאס הארץ, זיך מתבודד זיין, און פויעל'ן אלעס גוטס.

ווען מען איז ארויס פון ציון, ארייגגיין צוריק אין קאר, האב איך באמערקט אז די שליסל פון די קאר ארבעט נישט, די בעטערי איז געענדיגט, און אז דאס ארבעט נישט, אפילו מען קען עפענען די קאר מיטן שליסל, אבער אנצינדן די קאר קען מען נישט.

ס'איז שוין געווען שפעט אינמיטן די נאכט, ביים ציון איז געווען נאר איך מיט די חברים אנשי שלומינו, און נאך א בחור. איך האב אנגעהויבן צו טראכטן מאין יבוא עזרי, ווי אזוי פארט מען ארויס פון דא בשלום, איך בין גלייך צוריק געגאנגען צום ציון, און איך געבעטן פון די חברים זיי זאלן בעטן פאר א ישועה, און איך האב אויך צוגעזאגט צו ארייננשיקן די מעשה צום בלעטל.

למעשה איז אריבער אפאר גוטע מינוט, און מען זעט נאך נישט קיין וועג ארויס, מיר האבן ווייטער געדאווענט, מיר האבן פרובירט צו רופן פאר די ידידים ארגאניזאציע, אבער וואס קענען זיי העלפן, זיי האבן נישט געהאט ווי אזוי צו העלפן.

מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, און פלוצלינג קומט אן נאך א קאר צו פארן, האב איך אים געפרעגט אויב ער האט אפשר א געדאנק. ער האט געזוכט ביי זיך א בעטערי אבער נישט געטראפן.

למעשה האט ער זיך געכאפט אז אפשר קען ער טוישן פאר דערווייל זיין בעטערי מיט אונזערע, מען האט אזוי געמאכט, און שכח אייבערשטער די קאר צונדט זיך אן.

מיר זענען אריין אין קאר, מיר האבן געהאט א ציל צו אנקומען צו נאך א פאר קברי צדיקים אינטערוועגן, אבער מיר כאפן זיך אז ווען מיר וועלן קומען צום אנדערן ארט, און מען וועט פארלעשן די קאר, וועט מען נאכאמאל נישט קענען אנצונדן, און ווער ווייסט אויב דארטן וועט מען טרעפן א מענטש.

מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, מיר האבן געטראכט אפשר וועט מען קענען קויפן א בעטערי אין א גאז סטאנציע.

למעשה איז שוין געווען גוט שפעט ביי די נאכט, מיר האבן אנגעהויבן צו פארן, צום גאז סטאנציע אין יבנאל, אבער דאס איז געווען פארמאכט. מיר זענען ווייטער געפארן צו אן אנדערע, אבער ס'איז אויך געווען פארמאכט די געשעפט.

פלוצלינג באמערקן מיר א גאז סטאנציע מער ווייטער אריין פונעם וועג. מיר האבן געטראכט אויב מיר זאלן ארייןפארן אדער נישט. למעשה זענען מיר יא אריינגעפארן און געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל זיין אפן, און ער זאל האבן א בעטערי צו פארקויפן.

מיר פארן אריין, און מיר זעען אז שכח אייבערשטער ער איז אפן, מיר פרעגן אים אויב ער האט א בעטערי פאר אונזערע קאר, און יא, שכח אייבערשטער ער האט געהאט א גוטע בעטערי צו פארקויפן, און מיר האבן געקענט ווייטער פארן בשמחה רבה.

מיר האבן נאך אנגעיאגט צו מתפלל זיין בשלום ביי נאך אפאר קברי צדיקים, און צוריק קומען אהיים בשלום. שכח אייבערשטער!



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

# היכל הלכה

## הלכות מעשר כספים

איידער מיר גייען אריין אין פרטי דינים פון הלכות מעשר כספים, ווילן מיר ארויס האבן און פארשטיין די יסודות פון "מעשר כספים".

מענטשן פרעגן כסדר, מ'מעג דעס טון - יענץ טון מיט מעשר געלט, אזא סארט מצוה, אן אנדערע סארט מצוה, איינמאל מיטן אייבערשטנ'ס הילף די יסודות וועלן זיין קלאר, וועלן אסאך שאלות אוועק פאלן פון זיך אליין אם ירצה השם.

**שאלה א':** "מעשר כספים" איז א חיוב, א מצוה, א מנהג?

שאלת חכם חצי תשובה! ביי מצות איז דא מצות וואס מ'איז מחיוב צי טון, ווי למשל קריאת שמע, תפילין, תפילה, וכדומה, נאכדעם איז דא וואס ס'איז א מצוה צו טון, און מ'באקומט שכר, אבער מ'איז נישט מחיוב.

ווי למשל דער מחבר זאגט (שו"ע או"ח סי' תי"ט) מצוה להרבות בסעודת ראש חודש! און סאיז א חיוב [1] סיי פאר מענער און סיי פאר פרויען, אדרבה פרויען זענען נאך מער מחיוב [2] "מפני שיו"ט שלהם"! אזוי ווי ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (סי' תי"ז) והנשים שנוהגות שלא לעשות בו מלאכה הוא מנהג טוב! ווי דער טורי זהב (אין סק"א) ערקלערט שוין, בשם די פרקי דר"א, דאס איז א שכר ווייל זיי האבן נישט געוואלט געבן זייערע צירונג פאר די מענער ביי די מעשה פון די עגל, האט זיי דער אויבערשטער געגעבן די שכר אז ר"ח איז ביי זיי א יו"ט מער ווי ביי די מענער, אבער מיט דעם אלעם איז נישט דוקא א חיוב צי עסן ברויט אזוי ווי ביי שבת [3] אבער ס'איז א מצוה; אזוי שרייבן די פוסקים. [4]

אגב, מ'איז דאך היינט ר"ח אדר, כאטשיג די עיקר מצוה פון סעודת ר"ח איז בייטאג, [5] ביינאכט איז אויך דא אויף וועמען זיך צו פארלאזן אז ס'איז א מצוה די סעודה ביינאכט. [6]

ס'איז א גרויסע מחלוקה אין די אחרונים, טייל האלטן אז ס'איז א חיוב גמור מן התורה, [7] טייל האלטן אז ס'איז מדרבנן [8].

למעשה רוב פוסקים האלטן אז מעשר כספים איז נאר א מנהג טוב! דאס הייסט מ'איז נישט מחיוב, נאר ס'איז א גוטע מנהג, אזוי האט די ב"ח גע'פסק'נט, [9] און אזוי האבן רוב פוסקים אנגענומען. [10] [11]

**קומענדיגע וואך וועלן מיר ווייטער ממשיך זיין מיטן אייבערשטנ'ס הילף**

## מקורות והערות

1) בספר אור צדיקים, איתא דכמו שאדם חייב לכבד המועדים כך חייב לכבד ראשי חדשים, הובא דבריו בספ' מחזיק ברכה סק"א.

2) בסידור יעב"ץ הזהיר שגם נשים מחיובים, הובא בכף החיים סק"ד..

3) כדאיתא בשו"ע סי' רע"ד סעי' ד'..

4) משר"ז סק"א בשם הפרי חדש, שער הציון סק"א, כף החיים סק"ב..

5) ערוך לנר (סנהדרין ע: ד"ה בגמ') שו"ת משנה שכיר (או"ח סי' פ"ב) נימוך או"ח סק"א, טעם: דאין קידוש החודש בלילה..

6) א"א בוטשאטש, שו"ת רבבות אפרים ח"ב סי' קכ"ה..

7) שו"ת שער אפרים סי' פ"ד..

8) דרשה סי' ר"מ סק"ד בשם מהר"ם דרכי יוסף אות ג' בד' מהרי"ל שו"ת נודע ביהודא מהדו"ק יו"ד סי' ע"ג..

9) סוף סי' של"א..

10) יעתיק חלק המפוסקים: ואלו הן: שו"ת בית דינו של שלמה סי' א: שו"ת חוות יאיר סי' רכ"ד: שו"ת שבות יעקב פ"ב: שו"ת שאילת יעב"ץ סי' א': שו"ת פני יהושע ח"א או"ח סי' ב': שו"ת חתם סופר יו"ד סי' רל"א פתחי תשובה סי' של"א סקי"ב: שו"ת מנחת יצחק ח"ה סי' ל"ד: שו"ת חלקת יעקב יו"ד סי' קל"ז: דרך אמונה פ"ז סקכ"ז: ועוד.

11) הא לך לשון הב"ח, ...אבל מה שאדם מעשר ממה שמרויח במתן ככספים ושאר רוחים אינו בכלל זה... שהרי אינו חייב בה לא מה"ת ולא מדרבנן!



# קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַלֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.**

**אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵק זַיין?**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ.**



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט: "קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט" אוּן דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

לָאמִיר זָאגְן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט הָאבְּן, אָבֶּער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר יָא אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר הָאבְּן דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט; וַוייל וָואס נָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ? נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט דָא, מֶער פוּן דֶעם דַארְף נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע חַיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה: "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אוּן שְׁטֵייט קֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט.

**לֶעבּ מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין.**

# געדאנקען

## אן ארויסגעפליקטע בלעטל פון
# א הערליכן ביכל!

איר האט ליב די קבלה'ישע שפראך? איר האט ליב ווען מ'רעדט פון די קליינע אותיות? איר האט ליב פארבארגענע זאכן? איר האט ליב ווען מ'שושקעט זיך סודות התורה?

מוהרא"ש פלעגט אלץ חזר'ן דעם לשון הזוהר "דא רזא דגלגולא" אז אלע מעשיות וואס איינער האט צו טון מיט א צווייטן קען אסאך מאל זיין פארבינדן מיט געשעענישן פון א פריערדיגן גלגול, ראובן האט בא'גנב'עט שמעון, יאנקל האט בא'מקל'ט כאצקלען, דודי האט באוואשן סענדי, שימעלע האט חתונה מיט בלומעלע, משה איז רייך, חיים איז ארעם, אלעס האט א חשבון אין הימל! ס'קען נאך זיין אז ס'איז א פארזעצונג פון א פאסירונג פון א טויזנט יאר פריער!

די קריספי קראנטשי יוקאן דינאלי איז שוין אנגעצינדן, מ'האט זיך שוין מיט'ן שותף פארבינדן, אויף די לעדערנע זיצן, פילט מען שוין די היצן, גרייט צום באנוצן. די ראודס איז פול מיט שניי, די HOT CUP איז פול מיט טיי, צוגעדעקט מיט'ן דעקל, אנגעטון דעם רעקל.

אויפ'ן הענט א רויט בענדל, ווייל ער גייט זיך טרעפן מיט מענדל, זיך פאראויס רוקן, און גיין באקוקן, זייער נייע שטח, זייער נייע מקח. זיי פארלאזן ווילי, און קומען אן קיין פילי, די שטאקן פארן ארויף, דא א נאגל דא א שרויף. זיי פאלגן דעם באווארענונגס מיטל, און טוען אן די הארטע היטל, מיט'ן הויסט פלייסיג, צו שטאק נומער דרייסיג.

נחת זיי שעפן, מ'זעט ביז מאנהעטן, צוריק אין ברוקלין, זיי קומען אהין. פלוצלונג אויף די וועגן, א צוקנייטשטע סטעישן וועיגן, מיט סקאטש טעיפ און א גארטל, אין אידישן קווארטל. די ווייפערס דרייען, די בלינקערס שרייען, די ספעיר ראד אויפ'ן דאך, מיט אייער באקסעס אכט, און שמאטעס אסאך. די מאפלער קראכט, ס'קאסט מיר א לאך, דרייווט ווי א זעצער, פלוצלונג א שמעטער, די שפיגל צוהאקט, די טירן פאראקט, זיי באפאלן דעם דרייווער, ער קוקט אין א ספר, זיי מאכן שפאס, זיי כאפן נישט דעם גרייז.

אינמיטן טענה'רייען, הסברים און געשרייען, ער טוט זיך אריינבייגן, אינעם סטעישן וויגן. זיי שרייעןביידע, דו אלטע זיידע, דו קענסטער אפשר אפטראגן, מיר דארפן זיך צו א מיטינג יאגן. אזוי אינמיטן זיין אנגעצויגן, איז פון ביזעם טאש ארויסגעפלויגן, א דיקן קאנווערט, צען אלפים ווערד, געדארפט דאס איבערגעבן, פאר'ן קאנגרעסמאן זאל לעבן, צו ברענגן פערמיטן, פאר די נייע דעוועלאפמענט אין בראנקס וואס האלט אינמיטן.

מארגן אינדערפרי, ווען די צוויי שותפים קומען אן צום קאנסילמאן מיטן גאנצן שטאלץ, זענען זיי געווארן אנטוישט, זיי נישטערן און זוכן, וואו איז פארשווינדן די קאנווערט מיט די צען אלפים, זיי קענען נישט טראכט וואו דאס איז, דער קאנגרעסמאן איז ברוגז פאר'ן אים אויסשפילן, זיי באקומען נישט די פערמיטן און געהאט גרויס שאדן, זיי גייען ארויס מיט פארשעמטע פנים'ער, גארנישט אזוי מעכטיג.

איר פארשטייט אליין אז אין זעלבן מאמענט ווען זיי זיצן ביים קאנסילמאן אין ביורא, איז געענטפערט געווארן די קאפיטלעך תהלים וואס דער סטעישן וועיגן דרייווער האט נעכטן געזאגט בשעת'ן עקסידענט מיט די דינאלי, ער האט געהאט א גרויסן חוב פון צען אלפים און געשריגן מאין יבא עזרי?! עזרי מעם השם עושה שמים וארץ! דער אייבערשטער האט געהאלפן! געטראפן אין סטעישן וועיגן צען אלפים! קריספי מייקעלער!!! גלאטע געביגלטע!

זיי אלע דריי ווייסן נישט וואס צדיקים ווייסן יא! מיר קעטשאפ'דיגע קעפעלעך זעען פאלאפל מיט טחינה, און צדיקים זעען וואס טוט זיך אין הימל, צדיקים זעען אז אלעס וואס טוט זיך אין די וועלט איז מיט א חשבון. ס'קען אמאל זיין אז פאר פיר פינעף הונדערט יאר פריער, האבן די צוויי מעכטיגקייטן ארויסגערוקט פון דעם תהלים זאגער א צענער'ל, און געטראכט אז קיינער וועט נישט וויסן, אבער, אזוי ווי ס'גייט די ניגון פון ר' מיכאל שניטצלער ע"ה "אבער דער אייבערשטער האט צייט גענוג", האט דער אייבערשטער אראפגעברענגט אלע דריי נשמות אין א גלגול, אז די "מעכטיגע" דינאלי חברה זאלן באצאלן די גע'גנב'עטע צען אלפים, פון דעם אייבערשטנ'ס משפט קען מען זיך נישט ארויסדרייען.

## משה אריה שניצלער

אלע שרעקעדיגע פאסירונגען אויף דער וועלט, אז יענקל ארבעט עבודת הפרך אין משה'ס פאבריק, חיים טראסקעט אויף מענדל'ס טראטואר, זושא'ס טראק RAM'ט אריין אין די אפארטמענט הויז אויפ'ן קארנער, די אלע מעשיות האבן זיך נישט אנגעהויבן דא, ס'איז געווען עפעס א חשבון פון פריער..

אזוי ווי יענער שוטה וואס האט ארויסגעריסן פעידזש 101 און 102 פון א ביכל, ער לייענט עס און ער שרייט אז די מעשה שטימט נישט, זאגט אים איינער, דו שוטה ווי קען שטימען א מעשה וואס דו הייבסט אן ביי פעידזש 101.

אז דו ווערסט ליינען פון "פעידזש 1" ביז'ן סוף איז עס א הערליגע צוקערדיגע מעשה!

די גאנצע בריאה, אנגעהויבן פון 5785 יאר צוריק ביז יעצט, איז איין לאנגע מעשה, מיר ווייסן נישט אלעס, אבער צדיקים זאגן אז ס'שטימט הערליך!!!

עס איז געקומען צום הייליגן רבי נתן א חתן וויינען ער גייט חתונה האבן און האט נישט קיין פרוטה, האט רבי נתן אים געזאגט "אזוי איז געווען ביי יעקב אבינו, ער איז געגאנגען חתונה האבן און נישט געהאט קיין פרוטה". רופט זיך אן דער חתן "ביי יעקב אבינו איז געווען הויכע פארבארגענע זאכן". האט רבי נתן אים געזאגט "ביי דיר איז אויך הויכע פארבארגענע זאכן".

בייזער דיך נישט אויף דיין ווייב, אויף דיין דזשאב, אלעס איז מיט א ריכטיגן חשבון טראסט דעם אייבערשטן אז ער ווייסט וואס ער טוט.

מ'קען צו לייגן צו דעם אז די גאנצע זאך פון שלום בית איז פארבארגענע זאכן. עס ווערט געברענגט אין ספרים אז ס'קען אמאל זיין איינער זאל אויפשטיין מיט אן אנדערע נשמה ווי ער איז געווען נעכטן, איז האב'זשע געדולד צו דיין ווייב, מארגן וועט זי האבן א נייע נשמה, זי וועט מער קיינמאל נישט זיין בייז, געב עס נאך "איין" טשענס, גלייב אין פארבארגענע זאכן, גלייב אין סודות התורה, גלייב אז לויט "די גאנצע מעשה" האסטו באקומען די בעסטע ווייב! גיי נישט ארום מיט אן ארויסגעפליקטע בלעטל פון א הערליכן ביכל, לאז דעם אייבערשטן פירן "די גאנצע זאך" פון אנהייב ביז'ן סוף, אז דו ווערסט זאגן "הייליגער באשעפער איך קום צוריק צו דיר", וועט די גאנצע שלום בית פאלן אין פלאץ! דו ווערסט זיין א קעניג און דיין ווייב א מלכה!

מוהרא"ש זאגט אז ס'איז געווען נשמות ביים עגל וואס האבן מיט געוואלד אראפגענומען צירונג פון די ווייב צו געבן פאר די עגל, און באקומען נעבעך א שטראף אז זיי דארפן זיין אונטער'ן טיש אינדערהיים, די ווייבער מאכן זיי צו שפאט. אוודאי קען מען בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, אבער מיין נישט אז זאכן געשען סתם רענדעמלי, נישטא קיין רענדעם! אלעס איז השגחה! קענסט זאגן א תפלה'לע "הייליגער באשעפער זיי מיר מוחל פאר מאכן דעם עגל הזהב, העלף מיר אייבערשטער איך זאל זיין א אדם היושב על הכסא, העלף מיר איך זאל זיין א ריכטיגע מאן אין שטוב, נישט א פיפטער ראד וואס מ'געבט אים רשות דא צו אטעמען שטילערהייט מיט א צוגעמאכטע מויל אונטער'ן טיש".

ווען מיר האבן געהערט די שלש סעודות טעיפס פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר האבן מיר נאכאמאל און נאכאמאל געהערט וואס ער פלעגט אלץ חזר'ן מיט זיינע תלמידים אז די גרעסטע עבירה איז נעמען א גאולה פאר די צייט, נעמען א גאולה און זאגן ס'איז נישט דא קיין באשעפער חס ושלום, די גרעסטע עבירה איז זיך פרובירן אויסלייזן פון א פראבלעם אן טראכטן אז די פראבלעם קומט פון באשעפער.

און מענטשן האבן געפרעגט מיט ליצנות, יעדע וואך די זעלבע תורה?! יעדע וואך כוחי ועוצם ידי? יעדע וואך נישט זיך אויסלייזן אן דעם אייבערשטן?!

היינט הערט מען אויך אמאל מענטשן פרעגן מיט ליצנות, יעדע וואך נאכאמאל אייבערשטער אייבערשטער?! יעדע וואך נאכאמאל רעד שיין צו דיין ווייב און קינדער?!

די וואס האבן געפאלגט דעם צדיק דעמאלטס האבן אויפגשטעלט שיינע ערליכע שטובער.

און די וואס וועלן ווייטער גיין אין די וועג פון נישט זיך אויסלייזן פון פראבלעמען אן דעם אייבערשטן, די וואס וועלן לעבן מיט אמונה, די וואס וועלן יא גיין אין די זיסע וועגן פון א גאנצן טאג אייבערשטער אייבערשטער, וועלן זען שיינע דורות.

> די גאנצע בריאה, אנגעהויבן פון 5785 יאר צוריק ביז יעצט, איז איין לאנגע מעשה, מיר ווייסן נישט אלעס.



# א מעשה פון א צדיק

## סְעוּדַת הַשָׁבַת אֲבֵידָה

אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט גְעוואוֹינְט אַ צַדִיק מִיטְן נָאמֶען הָרַב אַבְרָהָם וֶועקְנִין זָכָר צַדִיק לִבְרָכָה. עֶר פְלֶעגְט פַאר אַסַאךְ יָארְן זִיךְ פִירְן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע הַנְהָגָה אַז שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג פְלֶעגְט עֶר צוּזַאם נֶעמֶען קִינְדֶער אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים, אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיסְטֵיילְן גוּטֶע זַאכְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דֶעם פְּרָאגְרַאם.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְצֵיילְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּן גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע גָאלְדֶענֶע קֵייטְל וָואס אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן.

זַיין עֶרְשְׁטֶע מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט עֶס פַארְקוֹיפְן אוּן מַאכְן גֶעלְט, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן. אָבֶער נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז נֵיין! דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה אַז אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְרוּפְן.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם גַאנְצֶע שְׁטָאט צֶעטְלֶעךְ אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג, אוּן וֶוער עֶס הָאט דָאס פַארְלוֹירְן קֶען עֶס קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען מִיט סִימָנִים.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ, אוּן קֵיינֶער אִיז עֶס גֶעקוּמֶען מָאנֶען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר'ס. בִּיז אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט אַ אִיד אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט "בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי מִיר אַ טֵייעֶרֶע גָאלְדֶענֶע קֵייטְל" דֶער אִיד הָאט גֶעגֶעבְן סִימָנִים אוּן אַלֶעס הָאט גֶעשְׁטִימְט.

דֶער עָנִי הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק גֶעבְן דִי קֵייטְל, עֶר פַארְטְרַאכְט זִיךְ אַבִּיסְל אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דֶער וָואס הָאט עֶס פַארְלוֹירְן "וַוארְט דָא אִיךְ קוּם שׁוֹין" דֶערְוַוייל גֵייט עֶר אוּן גְרֵייט צוּ זַיין טִישׁ מִיט בְּרוֹיט, הֶערִינְג אוּן טְרִינְקֶען אוּן עֶר רוּפְט אַרַיין פוּן דִי גַאס אַכְט מֶענְטְשְׁן אוּן זָאגְט זֵיי "קוּמְט אַרַיין, אִיךְ מַאךְ אַ סְעוּדָה, קוּמְט עֶסְן".

דֶער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעזֶעצְט, פַארְוָואס נִישְׁט אַ סְעוּדָה בְּחִנָּם, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס מַאכְט עֶר אַ סְעוּדָה עֶר וִויל מִיר נִישְׁט צוּרִיקְגֶעבְן דִי קֵייטְל?

נָאךְ וָואס אַלֶע הָאבְן זִיךְ גֶעוַואשְׁן הָאט דֶער עָנִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קֵייטְל פוּן זַיין טַאשׁ אוּן זָאגְט הוֹיךְ "הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵים מִצְוַת הֲשָׁבַת אֲבֵדָה וְכוּ'." אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּרִיקְגֶעגֶעבְן דִי גָאלְדֶענֶע קֵייטְל פַאר דֶעם אִיד מִיט בֵּיידֶע הֶענְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אַלֶע מִשְׁתַּתְּפִים וָואס הָאבְן דָאס צוּגֶעזֶען הָאבְן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, וַוייל זֵיי הָאבְן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען וִוי אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ סְעוּדָה וַוייל עֶר וִויל מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה.

הָאט דֶער אִיד מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער אַבַּיֵי הָאט גֶעזֶען וִוי אַ תַּלְמִיד חָכָם מַאכְט אַ סִיּוּם מַסֶכֶת הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ יוֹם טוֹב אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד גוֹמְרָהּ שֶׁל מִצְוָה, אִיךְ הָאבּ פַאר אַ גַאנְצֶע יָאר מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה, עֶס אִיז גֶעלֶעגְן בַּיי מִיר, קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעמָאנְט, אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶערִירְט, יֶעצְט מַאךְ אִיךְ אַ סְעוּדָה לְגָמְרָהּ שֶׁל מִצְוָה." אַלֶע וָואס הָאבְן גֶעהֶערְט פוּן אִים דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן זַיין תְּמִימוּת אוּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט וִוי מֶען דַארְף מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוָה מִיט אַ שִׂמְחָה.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וֶוען זֵיי הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵים זַיין הֲשָׁבַת אֲבֵדָה הָאבְן זֵיי עֶס גֶעטוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן זֵיי הָאבְן דֶערְמַאנְט דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת אוֹת אֲבֵדָה) דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵדָה וֶוערְן גֵרִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מִצְוָה זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן, אוּן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תִּיקוּנִים וָואס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מִצְוָה.



**(שיחות מוהרא"ש חלק ט"ז ערך השבת אבידה)**

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"ט

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**שַׁבָּת שִׁירָה, י"ג שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעט, אוּן דָארְט הָאט עֶר זָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ו, ה') "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט').**

**דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי תּוֹרָה "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז'),**

**דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען.**

דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וִוי וַוייט עֶר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי סַאךְ עֶר דַארְף זִיךְ נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז מֶען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם דַאוֶוענֶען. דָאס דַאוֶוענֶען אִיז דָאךְ אַזוֹי הוֹיךְ אוּן גְרוֹיס, נָאךְ הֶעכֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען אַזַא נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן בִּכְלַל אַ שַׁיְיכוּת מִיט אַזַא הוֹיכֶע זַאךְ? דֶערְפַאר דַארְף מֶען טוּן כָאטְשׁ וָואס מְ'קֶען, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ תְּמִימוּת, "אֲדוֹן עוֹלָם אֲשֶׁר מָלַךְ" וְכוּ', אוּן פְּרוּבִּירְן צוּצוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט, פְּרוּבִּירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ קָאנְצֶעטְרִירְן דִי מַחְשָׁבָה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אַזוֹי גֵיין וַוייטֶער אִינֶעם דַאוֶוענֶען צוּ זָאגְן וָוארְט נָאךְ וָוארְט, בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט, בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּם דַאוֶוענֶען.

אוּן אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם, דֶער גַאנְצֶער דַאוֶוענֶען אִיז אַרִיבֶּער קַאלְטֶערְהֵייט, וָואס קֶען מֶען טוּן? אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה, קֶען עֶר אֶפְשָׁר נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען זָאגְן עֶפֶּעס אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע תְּחִינָה אוּן בַּקָשָׁה, מִיט כַּוָּונָה.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שַׁבָּת שְׁקָלִים, כ"ז שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֵוייל‍ְט אִין שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָארְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"א, א') "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י').

נָאךְ שַׁבָּת הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, וַוייל מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז מְ'גֵייט יֶעצְט מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן יֶעצְט דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ דָאךְ דִי פּוּרִים טֶעג, אִידְן גֵייעֶן טַאנְצְן אוּן קְלַאטְשְׁן, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים". אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט זַיינֶע רֵייד זָאגְנְדִיג קְלָאר, "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמִיט אוּנְז גֶעוָואלְט קְלָאר שְׁטֶעלְן אַז מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דִי תּוֹרָה וָואס עֶר זָאגְט, כָאטְשׁ וָואס סְ'לִיגְט דֶערִין גָאר טִיפֶע אוּן הוֹיכֶע זַאכְן, גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה לִיגְן אוּנְטֶער יֶעדֶעס וָוארְט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז זַיין עִיקָר צִיל אַז מִיר זָאלְן מְקַבֵּל זַיין אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט מִיט אַ תְּמִימוּת פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, צוּ טוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט קַיין בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פִילֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן תּוֹרוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אוֹיף דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, וָואס דֶער דַאטוּם פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁטִימְט אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן.

רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי'ן בִּיזְ'ן שְׁטָאט לִינִיץ, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אַרַיין צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רַבִּי גְדַלְיָ' מְלִינִיץ זי"ע, עֶר הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה.

פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן וַוייטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## מיין באזוך אין טשיינע!

בן ק' כבן כ'.... נישט ליופי דווקא... נאר דער איד טרעפט זיך ביי די הונדערט יאר פונקט ווי ביי די צוואנציג, ער האט זיך נישט גערוקט קיין אינטש! חוץ אפאר סייזעס ביים קליידער סטאר און עטליכע פרישע לעכער אינעם פאסיק האט זיך גארנישט גערוקט - גארנישט!

ס'כאפט דיר נישט קיין ציפּ?

שטעל דיך פאר דו קומסט אריין איין טאג אין שול, דרייסט זיך ארום מיט א בינטל ספרים און קונטרסים, דו גייסט הפצה פארשפרייטן די זיסע לעכטיגע עצות פונעם רבי'ן און אן אלטער איד רופט דיך צו און פרעגט דיר "וואס איז דאס?"

דו געבסט אים א ספר'ל און דו זאגסט אים "דא האט א וועג צו לעבן זיסע לעכטיגע עצות!"

דער איד כאפט א בליק און ער הייבט אן צו וויינען "אזעלכע זיסע עצות צו לעבן, שטעל דיך פאר איך באקום דאס ביי די צוואנציג יאר!"

אן אלטער איד, ער האט שוין אפּגעלעבט זיינע יארן, געמאכט ביזנעס, אויפגעשטעלט א קאמפאני, שוין באנקראטירט, חתונה געמאכט קינדער, זיך צוזאמגעבארגט, שוין באצאלט כמעט אלעס. אזוי דורכגעשווימען די לעבן אן די לעכטיגע עצות פונעם רבי'ן - אזא רחמנות!

ביי מוהרא"ש איז געווען אזא מעשה - מוהרא"ש איז געגאנגען הפצה און פארשפרייט די הייליגע ספרים פון רבי'ן אינמיטן האט ער געטראפן אן אלטער איד וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה, ער געבט אים אהין א ספר פון רבי'ן, און דער איד הייבט אן וויינען און שרייען "אזא שאד, ווען איך וואלט ווען געהאט די אלע עצות און לימודים פארן קריג וואלט מיר אסאך גרינגער געווען דורכצולעבן די ביטערע מלחמה!"

* * *

שכח אייבערשטער אז איך האב פרנסה פון טון מארקעטינג און אדווערטייזינג. איינע פון די זאכן וואס איך טו איז אז איך שיק אריין די עדס וואס איך מאך פאר די מאגאזינען.

אזוי ווי די עיקר הכנסה פון די מאגאזינען איז די עדס וואס מענטשן לייגן אריין, במילא לויפן זיי כסדר מיר נאך אז איך זאל שיקן מיינע קליענטן צו זיי און יעדער איז מציע גוטע דיעלס...

אפאר וואכן צוריק האב איך באקומען א טעלעפאן פון די סעילסמאן פון א געוויסע אויסגאבע אויב איך קען שיקן עדס פאר זיין מאגאזין, ס'ווערט מער פאפולער און ער וועט מיר געבן גאר א גוטע פרייז. ער בעט מיר מיין אדרעס און זאגט מיר ער וועט מיר שיקן א קאפּי פונעם אויסגאבע, פיין...

ס'איז אנגעקומען צו מיר אויפן פאסט, ווען איך האב דורכגעבלעטערט האב איך געזען דארט אן ארטיקל, וואס באשרייבט די גאנצע וועג ווי אזוי עס גייט צו דאס געבן א הכשר אויף שייטלען אז די האר קומט נישט פון עבודה זרה.

אזוי ווי יעדער איינער געדענקט אוודאי איז געווען א גאנצע פרשה מיט עטליכע יאר צוריק, אז מ'האט אויסגעפונען אז די האר פון אסאך שייטלעך וואס קומען פון אינדיע ווערט געשוירן פאר עבודה זרה, ממילא טאר מען פון דעם נישט הנאה האבן.

איז דא א גאנצע וועד הכשרות פון רבנים וואס זיי געבן א הכשר אויף האר וואס קומט פון טשיינע אז דאס קומט נישט פון עבודה זרה.

ס'פארן אראפּ משגיחים קיין טשיינע, זיי ווילן דארט עטליכע וואכן, און שטייען טאקע על המשמר אז די האר זאל גארנישט זיין אריינגעמישט קיין עבודה זרה!

שטעלט זיך אוודאי די קשיא אויב אזוי פון וואו קומט די האר? ווער איז גרייט אוועקצושענקען זיין האר?

די תירוץ איז זייער פשוט דארט אין טשיינע זענען דא פילע ארימע דערפלעך וואס זענען אזוי ארעם אז זיי האבן ממש נישט דאס מינדערסטע צום לעבן!

נעמען זיי די קליינע מיידלעך און זיי לאזן זיך וואקסן די האר פאר דריי יאר, און נאך דריי יאר קומט א האר סוחר צו פארן צום דארף, און אלע מאמעס ברענגען די קליינע קינדער צום סוחר,

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



ער שטייט דארט מיט א גרויסע שער מאשין, ער גאלט אפ דעם גאנצן דארף, און יעדער איינער באקומט עטליכע גראשן פארן פארקויפן די האר!

איך טראכט צו זיך איך פאר אהין, איך גיי פארן קיין טשיינע, איך גיי ארומגיין צו די אלע דערפעלעך און איך גיי זיי אויסלייזן! איך גיי זאגן פאר די אלע ארעמע משפחות 'וואס איז די מעשה מיט ענק, קוים עטליכע מייל ארויפציר געפונען זיך גרויסע שטעט, גייט אהין, נעמט אן דארט אן ארבעט, וועט איר נישט דארפן זיין אזוי געוואנדן אויף די פאר פיאסטער צו אפגאלן די קינדער יעדע דריי יאר...

איך קלינג אריין אלי קנאל נ"י פון 'נסיעה טרעוול' און איך וויל שוין באשטעלן מיינע טיקעטס צו פליען אויף טשיינע, ווען איך כאפ זיך אז\ איך גיי אהינגיין זיי אויסלייזן?! זיי וועלן מיך פארשטיינערן אויב וועל איך אנהייבן רעדן צו זיי קעגן זייער מסורה פון וואוינען דארט אזוי פאראראמט אין זייער דערפל וואו זיי וואוינען שוין פאר דורות!

אזוי גייט עס, יעדער דריי יאר שערט מען זיך, אזוי האט מען ברויט. דאס גייט שוין אן פאר דורות, מיר דארפן נישט די פרעמדע השקפות זאלן קומען דא שטערן...

***

איך טראכט צו זיך, אזא רחמנות! ס'איז דא מענטשן וואס ווייסן נישט פון די לעכטיגע זיסע עצות פונעם הייליגן רבי'ן, זיי ווייסן נישט אז מ'קען רעדן שיין אין שטוב, די זיסע טעם פון מוותר זיין. און ווער רעדט נאך פון די דרך הלימוד - א מענטש קען זוכה זיין צו ענדיגן כל התורה כולה! עולם הבא!!!

ממש ווי די מענטשן אין טשיינע וואס לעבן זיך דארט אין זייער כריין, און ווייסן נעבעך נישט פון קיין בעסערע לעבן, ס'איז דאך א רחמנות אויף זיי און זייערע קינדער.

און די גרעסטע פראבלעם איז נאך די מענטשן וואס ווילן נישט הערן וואס דו האסט זיי צו פארקויפן, זיי האלטן אז דאס איז די בעסטע וואס קען זיין.

א מענטש וואס ווייסט נעבעך נישט פון דעם קען אפלעבן הונדערט יאר און ער טרעפט זיך בן ק' כבן כ'.... אוי ווי ביטער!

דער מענטש האט שוין גארנישט פון אלע ביזנעס, ער האט שוין גארנישט פון זיין גערעכט, ער האט זיך נעבעך מוסר נפש געווען צו זיין גערעכט, ער האט זיך מיט אזוי פיל מענטשן צושלאגן אבי ס'זאל זיין שלום...

שטעל דיך פאר דו קענסט גיין צו מענטש און אים אפראטעווען פון דעם, אים געבן א לעבן, אנפילן זיינע טעג, טראכט נישט אריין אזוי פיל, כאפ א פעקל ספרים און לויף א ארום ווי אן הצלה מעמבער ראטעווען מענטשן!

מאך נישט קיין חשבונות... ווייל באלד טרעפט זיך דער איד אן אלטער מיט ליידיגע הענט!

האב נישט מורא אז אידישע קינדער ווילן נישט הערן פון די לעכטיגע עצות, לאמיר נישט פארגלייכן די הייליג פאלק צו די ארימע שלעפערס דארט ווייט אוועק אין טשיינע וואס ווילן נישט הערן פון עפעס בעסער. אידן ווילן יא הערן און פאלגן דעם הייליגן רבי'ן, מען דארף נאר זיי עס געבן און פיטערן.

שכח אייבערשטער אז מיר גרייטן זיך יעדן טאג אן אז ותשחק ליום אחרון, מיר זאלן זיך קענען טרעפן דעם לעצטן טאג מיט אנגעפילטע הענט, מיט א לעבן פון רעדן צום אייבערשטן, מיט א לעבן פון שלום בית, מיט א לעבן פון געבן א חינוך פאר די קינדער ווי זיס אידישקייט איז.

לאמיר נישט זיין סעלפיש, נאר גיין הפצה, און צוריקברענגען אלע אידן צום אייבערשטן!

# ה'גייט נחבוא זרייען

די וועלט אז ביי אנשי שלומינו זאל זיך
איבערדרייען די שטוב ס'זאל זיין ביי
יעדן איינעם שפע לכבוד יו"ט.
מיט אייער הילף וועלן מיר בעזהשי"ת
קענען טיילן פאר אנשי שלומינו
א פערטל מליאן דאללער

יעדער גייט נאך געלט און געבט מתנות לאביונים צו העלפן די קהילה'ס קאסע

*sruliHeskel

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
שבת בשלח - שירה תשפ"ה



שכח אייבערשטער אז כ'האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע לעכטיגע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת ביינאכט פרשת בשלח שבת שירה תשפ"ה, אין קרית ברסלב ליבערטי. איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן אביסל פון וואס איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן ביי די לעכטיגע סעודה.

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול מיט א פרייליכן גוט שבת! גוט שבת! דערנאך באגריסט זיין ווייב מיט א פרייליכקייט.

די טיש איז געווען שיין צוגעדעקט מיט א ווייסע טישטוך, פיינע פרישע חלות אונטער די חלה דעקל, א זילבערנע הדסים האלטער אינמיטן טיש מיט שמעקעדיגע הדסים, די זילבערנע לייכטער און אויך אסאך גלעזלעך מיט לעכט אויפן טיש, די גרעיפ דשוס און די בעכער, אויך איז געווען אינמיטן טיש אסאך טעלערס טאמעטא דיפ.

## פלאץ פאר יעדעם

מען האט אנגעפאנגען זינגען זמירות און אביסל שפעטער איז דער ראש ישיבה'ס ווייב אריינגעקומען אין דיינונג רום, זי האט זיך געוואונדערט אז מ'האט נישט אריינגעברענגט די קאך טיש אז ס'זאל זיין גענוג פלאץ פאר יעדעם, זי האט געפרעגט דער ראש ישיבה "מ'דארף נישט האבן אויך די קאך טיש, ס'וועט זיין גענוג פלאץ?" האט דער ראש ישיבה געזאגט "איך מיין ס'וועט זיין גענוג פלאץ אזוי, אבער אויב דו ווילסט וועט מען אריינברענגען די קאך טיש".

למעשה האט מען זיך אראפגעזעצט, און ס'איז געווען פלאץ פאר יעדעם. דער ראש ישיבה האט ווייטער געזינגען זמירות און אינמיטן איז דער ראש ישיבה'ס אייניקל נחמן נתן צוגעגאנגען און געפרעגט "זיידי, איך גיי מעגן אויפהייבן די בעכער?" האט דער ראש ישיבה געזאגט "זיכער גייסטו אויפהייבן די בעכער! דו ביסט דאך די גאסט די וואך!" דער ראש ישיבה האט אים געמאכט פילן אזוי גוט און אזוי חשוב.

## לויטן עלטסטן

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גענומען די הדסים פון אינמיטן טיש און געמאכט א ברכה, געשמעקט, און אויסגערופן אהה... שכח אייבערשטער! דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט "ווער איז די עלטסטע דא? דער ראש ישיבה האט געוואלט אראפשיקן די הדסים אין די רייע פון די עלטסטע ביז די יונגסטע. האט זיך די קליינע יחזקאלע פון 3 יאר אנגערופן, איך בין די עלטסטע! האט דער ראש ישיבה אים צוריקגעפרעגט מיט א שמייכל, יא,

דו ביסט די עלטסטע? נאא... און דער ראש ישיבה האט געגעבן די הדסים פאר זיין עלטסטע זון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב "מ'קען שוין מאכן קידוש?" און ווען זי האט געענטפערט אז יא, האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעשטעלט און די אייניקל נחמן נתן האט אויפגעהויבן די בעכער און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן מאכן קידוש.

נעבן דער ראש ישיבה אויף א בענקל איז געשטאנען די קליינע יחזקאלע און נאכגעמאכט פונקטליך וואס דער ראש ישיבה האט געטון, ער האט געהאלטן זיין הענט אזוי ווי למשל ער האלט א בעכער, און ווען ער האט געזען אז דער ראש ישיבה מאכט צו זיין אויגן ביי קידוש האט ער אויך צוגעמאכט זיין אויגן, און נאכגעזאגט די ווערטער פון קידוש וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט, ס'איז געווען זייער זיס. נעבן אים איז געשטאנען אן אנדערע קינד, וואס האט אים געגעבן עפעס א קליינע א שטופ, האט יחזקאל אויסגערופן הויך "אוטש, ס'טוט מיך וויי! דו ווייסט ס'האט מיך זייער שטארק וויי געטון?!" דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט אויף א מינוט און אנגעקוקט די צוויי קינדער און זיי זענען צוריק געווארן שטיל.

דער ראש ישיבה האט געענדיגט קידוש און געשיקט פאר יעדעם גרעיפ דשוס, און דערנאך איז מען זיך געגאנגען וואשן.

דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא אויף די צוויי שיינע גרויסע חלות, און דערנאך געווארט ביז אלע חתונה געהאטע קינדער און בחורים האבן אויך געמאכט המוציא אויף די לחם משנה און דערנאך האט ער אויפגעשניטן די חלות און געשיקט פאר יעדעם א שטיקל.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געשיקט אפאר קינדער אין קאך אריינברענגען די פיש טעלערס וואס איז שוין געווען צוגעגרייט דארט פון פאר די סעודה.

איינער פון די קינדער האט געוואלט אריינכאפן א שטיקל חלה מיט טאמעטא דיפ פארן צוריקגיין אין קאך ברענגען נאך טעלערס, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט "ווערסט באלד עסן, קודם ברענג די טעלערס". ס'איז מיך געווען זייער אינטערעסאנט און וואונדערליך צו זען ווי דער ראש ישיבה'ס קינדער טענה'ן נישט און ענטפערן נישט צוריק, ווען דער ראש ישיבה זאגט א זאך, אזוי איז עס, מ'מוז פאלגן.

## א זויבערן טיש

נאכן ענדיגן עסן די פיש האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב אז די חלות און די פיש איז געווען זייער גוט, און דער ראש ישיבה איז געגאנגען ארויסטראגן זיין פיש טעלער.

אויך האב איך באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך, אז נאכן ענדיגן עסן די פיש האט יעדער אראפגעשיקט די טעלערס צו דער ראש ישיבה'ס ווייב און זי האט אלעס שיין צאמגענומען אין א הויפן און מ'האט עס ארויסגעטראגן, און די טיש איז געווארן שיין זויבער.

איך האב באמערקט ווי נאך די פיש זענען די קינדער צוביסלעך געגאנגען שפילן אין פלעירום.

## די שעדליכקייט פון מאכן אסאך געלט

מען האט געשמועסט וועגן איינעם וואס איז נפטר געווארן, האט דער ראש ישיבה פארציילט אז יענער איז נעבעך נפטר געווארן פון דראגס.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער א אינגערמאן האט אים געזאגט ווי שרעקעדיג עס איז אז מען זעט וואוילע מענטשן, אבער ווען זיי הייבן אן מאכן אסאך אסאך געלט ווערט מען אריינגעדרייט מיט נישט גוטע חברים, ביים סוף קומט מען אן צו דראגס, מען גט זיך רחמנא לצלן און מען פארלירט אלעס.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם, אז פארוואס האבן די הייליגע חכמים געמאכט די הלכה פון פת עכו"ם, אז מ'טאר נישט עסן עפעס וואס א גוי האט געקאכט?

למשל לאמיר זאגן אז דו ביסט אין א האטעל, און מ'ברענגט דיך הארטע אייער צו עסן, וואס קען שוין זיין שלעכט פון פשוטע אייער? אבער ניין,

> געב נאכנישט אויף דיין דשאב, נאר זונטאג ווען דו ארבעטס נישט קענסטו זיך אריינזעצן אין כולל. אבער זייער שנעל געבן זיי אויף און הערן אויף צו קומען.

מ'טאר עס נישט עסן, וועגן ס'איז פת עכו"ם, א גוי האט עס געקאכט. דו דארפסט אליין אראפגיין אין קאך און אנצינדן די פייער, נאר אזוי מעג מען דאס עסן. די הייליגע חכמים האבן געמאכט די הלכה פון פת עכו"ם אז מען זאל נישט צוקומען צו חתונה האבן מיט א גוי.

האט איינער פון די געסט זיך געוואונדערט, וואס האט עסן עפעס וואס א גוי האט געקאכט, מיט חתונה האבן צו א גוי? האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז די חכמים האבן געוויסט אז ביי א סעודה ווערט מען נאנט, און אז דו וועסט גיין עסן ביי א גוי, קענסטו נאכדעם ווערן נאנט מיט זיי און צוקומען צו חתונה האבן מיט זיי רחמנא לצלן.

זעט מען אז ווען מען זיצט מיט א מענטש, מען עסט א סעודה מיט איינעם, ווערט מען נאנט מיט אים. א מענטש ווערט נאכגעשלעפט נאך די מענטשן מיט וועם מ'דרייט זיך, במילא דארף מען זייער אכטונג געבן צו האבן נאר גוטע חברים.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א חתן וואס איז דארט געזיצן "גייסט יעצט חתונה האבן, גייסט מאכן געלט, זאלסטו וויסן אז מיט וועם מ'דרייט זיך אזוי ווערט מען, זאלסטו אכטונג געבן צו האבן גוטע חברים".

דערנאך האט מען געזינגען זמירות און אריינגעברענגט די זופ, אויך האט מען געברענגט בונדלעך און רעטעך. שפעטער האט מען אויך אריינגעברענגט געלע זופ מאנדלען.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט יחזקאלע, דו ווילסט עסן זופ? האט ער געזאגט ניין. האט דער

ראש ישיבה אים געפרעגט, דו קענסט די מעשה פון שבי? האט ער געשאקלט מיטן קאפ יא. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב, מאמי, פארציייל אים די מעשה פון שבי.

אמאל איז געווען א מיידל זי האט געהייסן שבי און זי האט נישט געוואלט עסן געזונטע עסן, אלעס האט זי געווארפן אין גארבידזש, ביז איר פנים איז געווארן גרין, און אלע האבן געזאגט "שבי איז אזוי גרין, די גארבידזש איז אזוי שיין." האט זי אנגעהויבן עסן געזונטע עסן און יעדער האט צוריק אנגעהויבן זאגן "שבי איז אזוי שיין, די גארבידזש איז אזוי גרין..." עפעס אזוי גייט די מעשה, כ'געדענק נישט פונקטליך.

## דראגס

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינעם ביי די סעודה "האסט שוין געליינט די וואך עצתו אמונה?" האט ער געזאגט אז יא. האט דער ראש ישיבה געפרעגט "האסט געזען די וואך איז געווען א בריוו וועגן דראגס?" האט ער זיך נישט געקענט דערמאנען. האט דער ראש ישיבה געזאגט "דעמאלטס האסטו עס נאכנישט גוט דורכגעליינט, דארפט איבערלערנען די קונטרס נאכאמאל".

שפעטער האט ער זיך דערמאנט אז ס'איז געווען א בריוו פאר א פרוי וואס איר מאן האט אנגעהויבן נעמען דראגס, אז זי זאל אים ווייטער ליב האבן טראץ זיינע נסיונות.

האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז ס'איז דא בריוון וואס ער שרייבט פאר מענטשן וואס גייט גלייך אריין אין עצתו אמונה, איינער שרייבט א בריוו פאר דער ראש ישיבה, אבער יענער באקומט נישט צוריק א בריוו, נאר יענער דארף טרעפן די ענטפער אין עצתו אמונה.

למשל די בריוו, איך קען נישט שיקן די בריוו צו איר אהיים, ווייל וואו וועט זי עס לייגן? זי וועט עס אריינלייגן אין א פאלדער אז איר מאן און קינדער זאלן עס טרעפן?

האט זיך איינער אנגערופן "זי קען עס באהאלטן אין איר לעדל". האט דער ראש ישיבה געשאקלט "ניין, זי קען עס נישט באהאלטן, ווייל באלד גייט עס איינער טרעפן, לייג איך עס אריין אין עצתו אמונה, אז זי זאל עס ליינען און דארט טרעפן איר ענטפער".

ס'דא אמאל וואס איך שיק א שליח וואס זאל זאגן פאר יענעם אז ס'איז דא די וואך א בריוו אין עצתו אמונה פאר דיך, און אפאר מאל אפילו דאס אויך נישט, יענער דארף אליין פארשטיין אז ס'איז פאר אים.

ספעציעל ווען ס'קומט צו אזעלכע זאכן ווי למשל דראגס, אדער פרעמדע וכו', דעמאלט קען איך עס זיכער נישט שיקן פאר יענעם. אבער אויב יענער שרייבט פון א פריוואטע אימעיל דעמאלט קען איך יא צוריקשרייבן.

אסאך מאל שרייב איך א בריוו פאר איינעם און איך וויל נישט אז אפילו דער וואס טייפט אויף די בריוון זאל וויסן פאר וועם ס'איז. דעמאלט שרייב איך די בריוו אן די נאמען, איך מאך א בילד פון דעם און איך שיק עס פארן טייפער, און נאכדעם שרייב איך צו די נאמען פון אויבן. אדער דעק איך צו די נאמען מיט א שטיקל פאפיר פאר איך שיק א בילד פון עס.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט טעלערס פלייש, קוגל און פערפל און אינמיטן טיש, און יעדער האט גענומען אין די ליידיגע זופ טעלער פון וואס און וויפיל מ'האט געוואלט.

## לערנען אין כולל אדער ארבעטן?

איינער וואס לערנט אין כולל האט פארציילט אז מו"ה משה אריה שניטצלער הי"ו האט אים געזאגט די וואך אז היינט איז די יארצייט פון זיין באבע, אז ער זאל געבן צדקה פאר די כולל לעילוי נשמת זיין באבע. און ער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה צו ס'האט פשט אז ער זאל געבן צדקה פאר די כולל, ער פילט ווי ס'קומט צוריק נאכדעם צו אים. האט דער ראש ישיבה געזאגט "וואס עפעס, אוודאי איז עס צדקה, זיכער זאל ער געבן פארן כולל".

האט זיך איינער אנגערופן "איך האלט נאכנישט ביים געבן צדקה, הלוואי זאל איך קודם געבן מעשר". האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב "ווען מיר וואלטן נישט געגעבן אזוי סאך צדקה אמאל, וואלטן מיר היינט געהאט מער געלט? זיכער אז נישט!" דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער פלעגט געבן יעדע וואך פינף הונדערט דאלער פאר מוהרא"ש, און נאך אסאך צדקות וואס ער פלעגט געבן, פון געבן צדקה דערלייגט מען נישט.

דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט וואס טוט זיך אין כולל, ס'קומען אמאל אריין נאך מענטשן אין כולל לערנען? האט דער אינגערמאן

# סעודה מיטן ראש ישיבה

געזאגט אז זונטאג קומען אסאך מאל אריין נאך מענטשן לערנען אין כולל. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען איינער קומט אים פרעגן אויב ער זאל אויפגעבן זיין דשאב און גיין לערנען אין כולל זאגט אים דער ראש ישיבה קודם הייב אן מיט זונטאג, געב נאכנישט אויף דיין דשאב, נאר זונטאג ווען דו ארבעטס נישט קענסטו זיך אריינזעצן אין כולל. אבער זייער שנעל געבן זיי אויף און הערן אויף צו קומען.

האט דער ראש ישיבה'ס זון געפרעגט "פארוואס? ס'איז נישט גרינגער צו זיצן און לערנען ווי צו ארבעטן?"

האט דער ראש ישיבה געזאגט "דאס איז די חילוק פון כולל און ארבעטן, אין כולל איז די אנהייב שווער, די ערשטע פאר יאר ביז מ'קומט אריין די זאך איז זייער שווער, אבער נאכדעם ווערט עס זייער גרינג, געשמאק און זיס. ארבעטן איז פארקערט, אנהייב איז מען עקסייטעד, מ'ארבעט מיט חשק און ס'איז געשמאק, און נאכדעם ווערט שווער..."

אינמיטן איז איינער פון די קליינע קינדער געקומען וויינען צו דער ראש ישיבה'ס ווייב, האט דער ראש ישיבה געפרעגט וואס איז געשען? האט ער געענטפערט אז מ'לאזט אים נישט זיין די פאסטוך פון די דאגיס... האט דער ראש ישיבה געזאגט "אקעי קום דא, דו וועסט זיין די פאסטוך פון די שעפעלער." און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען די שעפעלע ניגון.

**ווילט איר קענען די ווערטער פונעם ניגון? אזוי אויך נאך אינטערעסאנטע געדאנקען וויאזוי צו פירן א סעודה מיט קינדער, ליינט קומענדיגע וואך אי"ה.**




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008



רעסעפי:
RUM BALL CAKE

# אריין אין בעט!

ג. פעקעטע

# ווארעמע ברעסטן



*אין קורצן פון פריער: אין די צייט פון ר' יהודה לייב מייזליק ז"ל איז ארויס די גזירה אז אלע ארבעטס פעאיגע בחורים דארפן גענומען ווערן אין מיליטער. פיל בחורים פלעגן פראבירן צו באקומען א "פטור" דורך גיין צום דאקטער און שפילן "נישט נארמאל" אדער "קראנק". אויך יהודה לייב האט פראבירט דעם טאקטיק אבער ביי אים איז עס נישט געגאנגען און דער דאקטער האט אים דערקלערט "געזונט און שטארק." פאר די קומענדיגע דריי יאר איז יהודה לייב געווען אויסגעשטעלט צו א כסדר'דיגע מלחמה לה'. נאך דריי יאר איז ער ענדליך באפרייט געווארן פון מיליטער.*

*און יעצט לייגט ווייטער:*

יהודה לייב איז דאן שוין געווען 22 יאר אלט און האט זייער געוואלט ווי שנעלער חתונה האבן און אויפשטעלן אן ערליכע אידישע הויז.

אין יענע תקופה איז די גייסט פון השכלה ארייגעכאפט געווארן אין רוסלאנד און עס איז שווער געווען צו טרעפן א שידוך, אן ערליכע מיידל וואס האט ריינע און ערליכע השגות.

מערערע שידוכים זענען אראפ פון טיש ווען מען האט געהערט אז דאס מיידל איז שוין אנגעשטעקט מיט די גייסט פון השכלה.

ביי אונז ברסלב'ע חסידים ווייסן מיר אז דער הייליגער רבי האט אסאך ארומגערעדט וועגן די הארבקייט און שעדליכקייט פון פיליזאפן, משכילים. אין שיחות הר"ן שיחה ה' שרייבט דער הייליגער רבי אז די שכל וואס איז דא ביי אונזער הייליגע תורה להבדיל איז דארטן בכלל נישט דא, און דער רבי האט געזאגט: וואויל איז דער וואס ווייסט בכלל נישט פון זייערע ביכער נאר ער גייט בתמימות מיט אייבערשטן.



03

## ש. טראכטער

איינמאל האט פאסירט אז מען האט אנגעטראגן א שידוך פון א מיידל וואס פון אויבנאויף האט זי אויסגעזען פרום און ערליך, אויך איז זי געקומען פון א רייכע שטוב און מען האט צוגעזאגט 800 רובל נדן, וואס איז געווען גאר א גרויסע סכום.

ממש איידער מען האט געוואלט טרינקען לחיים איז געקומען די ידיעה צו יהודה לייב אז די כלה איז נישט באקוועם ווייטער צו גיין צוליב דעם וואס זי וויל אז אירע קינדער זאלן באקומען א יוניווערסיטי חינוך. מען זאל זיי שיקן בילדן און זי וויל הערן פונעם צוקונפטיגן חתן אז ער וועט איינגיין דערויף.

ווי נאר יהודה לייב האט דאס געהערט האט ער מיט אן עזות דקדושה תיכף אפגעזאגט די שידוך און זיך געפאקט פעק צוריק אהיימצופארן צו זיין שטעטל.

אזוי האט מען ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן און געזוכט און געווינטשעוועט פאר א גוטע שידוך. און דערווייל איז שווער געווען צו טרעפן אן ערליך אידיש מיידל וואס וועט פירן איר שטוב ווי די ערליכע אידן ווילן.

יהודה לייב האט געהאט אן עלטערע ברודער ר' יעקב. ר' יעקב איז געווען באקאנט אלץ א דערהויבענע איד, וועלכע האט געפירט זיין שטוב אויף פשרה'לאזע יסודות. ער האט קיינמאל נישט געבויגן זיין קאפ צו גזירות און רדיפות און אנגעהאלטן א שטרענג ערליך היים.

יעקב האט געהאט א טאכטער בילא, א מיידל אין די יארן. בילא איז געווען א גרויסע יראת שמים, פון ווען זי איז געווען א קליין קינד האט מען איר גערופן "די קליינע צדיקות."

איר צדקות און איידלקייט איז מיטגעוואקסן מיט איר דורך די יארן. אויך האט בילא געהאט גאלדענע הענט און האט שיין געקענט נייען, און איז בעצם געווען א קלוגע און וואוילע מיידל.

איין טאג איז יהודה לייב געזעצן מיט זיינע געשוויסטער יעקב און א שוועסטער אסתר עטיל. אינצווישן איז זיין ניכטע בילא אריינגעקומען אין שטוב.

אסתר עטיל איז פלוצלינג איינגעפאלן א בליץ..

"יהודה לייב, פארוואס זוכסטו גליקן אין די פרעמד ווען דו האסט א דיימאנט צו די האנט?" האט זי שפעטער געפרעגט איר ברודער.

אלע האבן געוואוסט פון בילא'ס ערליכקייט און דאס זעלבע פון יהודה לייב.

נו איז דאך די שידוך זייער פאסיג..

עס האט נישט גענומען לאנג און א פרייליכע שידוך איז געשלאסן געווארן צווישן די פעטער און די ניכטע.

תמוז תרע"ב איז געפראוועט געווארן א היימישע פרייליכע חתונה און יהודה לייב האט חתונה געהאט צו בילא. דאס יונג פארפאלק האט זיך באזעצט אינעם שטעטל מאזיר. יהודה לייב האט עוסק געווען אין תורה ועבודה און גלייכצייטיג זיך אויך אריינגעלייגט אין מסחר ווי ער האט שטארק מצליח געווען.

צוויי יאר נאך די חתונה פון יהודה לייב און בילא האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה. דאס לעבן איז איבערנאכט פארוואנדלט געווארן פון א רואיגע לעבן אויף רואיגע וואסערן צו א מצב פון קאשמאר און אומסטאבילקייט.

און אזויווי אלעמאל אין גלות, ווען די גוים קריגן זיך צווישן זיך און זוכן וועמען צו באשלודיגן טרעפן זיי אויף דעם אומשולדיגן איד'ל און גיסן אויס זייער רציחה אויף דעם איידעלען אידישע פאלק

אויך מאזיר, די וואוינארט פון משפחת מייזליק איז נישט געווען אנדערש. אין דעם זומער פון תרע"ו האבן ווילדע קאזאקן אטאקירט דאס שטעטל וואס האט ליידער געקאסט פילע ריינע קרבנות.

א קאזאק, א שיכור האט פלוצלינג איינגעבראכן אין שטוב פון משפחת מייזליק. זיינע ווילדע בליקן האבן גלייך אפירגעזוכט א קרבן און ער האט נישט לאנג געדארפט זוכן. אט האט ער געטראפן מרת. בילא מייזליק פארשטעקט אונטער א שאפע ציטערדיג פאר שרעק.

דער קאזאק האט ארויסגעלאזט א ווילדע געלעכטער און זיך געשארפט די ציין צו אטאקירן די הילפסלאזע פרוי.

***וואס האט דארט ווייטער פאסירט? לייענט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה***

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א אידישע מאמע

דער ראש ישיבה האט געפרעגט מיט וואונדער,
וויאזוי איז פאר די פרויען מעגליך,
האבן ענדלאזע כח פאר די מאן און קינדער.
פאר זייער עבודת הקודש טאג טעגליך?!

גיי דערצייל עס,
פאר א מאן.
וואס דאס מיינט,
ביינאכט אויפזיין.

אין זיין חלום פארטיפט,
ווי אן איבערלעבעניש.
וואס טוט זיך ארום,
ווייסט ער גארנישט.

ער שלאפט ווייטער,
נישט אים עס מיינט.
ער האט נישט געהערט (ניין?)
ווי די בעיבי וויינט...

די מאמע געטריי,
א שטילע העלד!

דאס קינד'ס געברויכן,
הארציג צוגעשטעלט.

און קוים זי לייגט זיך,
א מידער אנידער,
און דאס קינד,
וויינט שוין ווידער.

נאכדעם ביינאכט שפעט,
א קינד נישט גוט פילט,
אנגעבראכן די בעט,
און זי ווישט מיט געדולד.

דאס האט דער ראש ישיבה געפרעגט געפלעפט,
פון וואו די "אידישע מאמע" כוחות שעפט.
ווי א העלד דעם קומענדיגע דור אויפבויען,
משיח וועט קומען בזכות די אידישע פרויען!

און ווען דו פילסט דו דארפסט זיך regenerat’en,
"באשעפער העלף מיר", אים זאלסטו בעטן.
דער אייבערשטער דרייט אן דיין טאג טעגליכע דראמא,
און ווארט צו הערן דיין קול, טייערע מאמע!!

ג. פעקעטע



# ארויין אין בעט!

פרייטאג דארף צו זיין אן אנגעשטרענגטע טאג, ניין? ווען עס איז קורץ, יאגט מען נישט אן, און ווען עס איז לאנג, יאגט מען נישט נאך. אלעמאל ווערט ביזי און פארנומען אין הויז פרייטאג. מען פרובירט צו האלטן די הויז ריין און שיין לכבוד שבת, ס'איז דא וואס ווילן נאך ענדיגן קאכן, און אוודאי דארף מען שטעלן די עסן ווארעמען; אויך איז דא קינדער אנצוטון, צומאל באדן, די טיש באצירן, נעגל צו שניידן, האר און פיאות מאכן, און די ליסטע גייט ווייטער און ווייטער.

אבער די מתנה פון שטעלן קינדער שלאפן פרייטאג נאכמיטאג איז אומשאצבאר.

דער ראש ישיבה האלט אין איין חזר'ן מיט די עלטערן ווי וויכטיג ס'איז צו לייגן קינדער שלאפן ערב שבת, און שבת נאכמיטאג, כדי זיי זאלן זיין גוט אויסגערוט פאר שבת. אבער נאך מער פון דעם, איז עס אפצוהיטן די קינדער, זיי זאלן נישט צוקומען צו קיין שום שלעכטס אין די לאנגע פרייע נאכמיטאגס, ווען די עלטערן ווילן זיך אביסל אפרוען, און מען לאזט על פי רוב קינדער הפקר, וואס איז א גרויסע סכנה, און עס האט שוין געברענגט אסאך אסאך מכשולות און פראבלעמען וואס שאטן פאר די קינדער'ס לעבן.

האבן מיר אפגעמאכט אז דאס איז, עס מען גייט פרובירן די גוטע פלאן צו לייגן די קינדער שלאפן פרייטאג, און אוודאי שבת נאכמיטאג. ס'איז געווען מיט קינדער וואס זענען שוין געווען אביסל עלטער פון די יארגאנג וואס מען איז נאך געוואוינט צו כאפן א

דרימל אינמיטן טאג.

ווען טאטע און מאמע האבן געזאגט פאר די קינדער איין פרייטאג נאכמיטאג: "מען גייט יעצט כאפן א דרימל, מען גייט זיך לייגן שלאפן לכבוד שבת קודש" האבן די קינדער עס נישט געוואוסט ווי אזוי אראפצושלינגען.

איך קען עס מסביר זיין בעסער. אז איך נעם דיר אינמיטן קאכן און איך לייג דיר אריין אין בעט, וואלסטו אויך נישט געוואוסט וואס איך וויל פון דיר, דו האלסט דאך אינמיטן קאכן; דאס קינד האלט אינמיטן שפילן, האלט אינמיטן זיין סקעדזשול פון קלאצן, איבערדרייען, פייטן, העלפן, און אזוי ווייטער... איך האב פרובירט איין וואך, נאך א וואך, נאך א וואך, אבער די קינדער האבן נישט געהאלטן ביים שלאפן, און איך האב אוועקגעגעבן אסאך כח, צייט און מיה זיי צו קענען איינשלעפן; עס האט גארנישט גענוצט. איך האב אבער יא געוואוסט אז דאס איז א וויכטיגע זאך וואס מיר ווילן איינפירן ביי אונז אין שטוב.

מיט א ביכל צו ליינען אין בעט, האב איך אריינגעגעבן א גוטע זאך (ליינט:melo-chew) - פאר ווער עס ליגט שיין - אין די מויל, דער עולם איז פיין איינגעשלאפן און זיך גוט אויסגערוט

שכח אייבערשטער עס איז געווען א לוסטיגע פרייליכע פרייטאג צונאכטס סעודה, א פרייליכע שבת אינדערפרי סעודה, געשמאקע, רואיגע שבת נאכמיטאג, וואו די קינדער זענען געווען פיין אויסגערוהט.

נאכדעם האט מען געקענט פארברענגען פרייליכערהייט מיט אן עונג שבת, מיט אויסגערוטע קינדער וואס ווייגען נישט פון שעה'ן ליידיג גיין, זיך ארומקריגן, אויספאקן... בשעת די עלטערן פרובירן צו כאפן א קורצע דרימל שבת נאכמיטאג.

אבער די גליק האט אויך געהאט אן עקספיירעשן דעיט, ווי נאר די קינדער זענען אביסל עלטער געווארן, האבן זיי אנגעהויבן פארשטיין וואס די גוטע זאך - וואס מאמי לייגט אריין אין די מויל פאר מען גייט שלאפן - איז, און מען האט געמאכט אן אקציע אז מער עסט מען נישט פון די פיינע גוטע זאך (melo-chew).

אסאך אסאך תפילות, און אסאך אסאך וואכן פון פרובירן די וועג און יענע וועג, צו האלטן די קינדער רואיג אין בעט, אן דעם וואס זיי זאלן קענען איינשלאפן פון זיך אליינס, זענען פארביי; איך האב שוין געשפירט ווי איך קום צום סוף שטריק. איך האב דאך געוואוסט ווי וויכטיג די שלאף ערב שבת, און שבת נאכמיטאג איז, האב איך אריינגעטראכט ווי אזוי איך קען זיך ווייטער אן עצה געבן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן א נייע וועג. עס איז דאך דא melo-drops! איך לויף צום געשעפט, איך האנדל זיך איין א באטל פון די איינשלעף טראפנ'ס, און איך באהאלט עס גוט אין א הויכע שאפע אז קיינער זאל נישט קענען צוקומען צו דעם, איך וויל דאך נישט אז מיינע קינדער זאלן אפשלאפן זייער גאנצע לעבן...

פרייטאג נאכמיטאג, די קינדער טאנצן און שפרינגען, און די עלטערן זאגן "עס איז שוין צייט צו גיין אין בעט, יעדער איינער לייגט זיך אראפ לכבוד שבת קודש".

"איך קען אבער נישט איינשלאפן" שרייט איינער, "איך ליג אזוי לאנג און איך שלאף קיינמאל נישט איין", שרייט א צווייטער.

האב איך אפיר גענומען די באטל באהאלטענערהייט, און אריינגעטראפט איין קליינע טראפ אין א קאפ-גלאז, און עס אנגעפילט מיט א גוטע געטראנק. פאר די קינדער האב איך געזאגט אז פאר מען גייט שלאפן קען יעדער איינער נעמען א גלאז טרינקען; די קינדער האבן זיך געפרייט צו די זיסע געטראנק, און עס שיין אויסגעטרינקען.

ווען זיי זענען אריין אין בעט - נאר אויפן תנאי אז זיי גייען נישט שלאפן, און נאר ליינען, און נאר ליגן אביסל מיט פארמאכטע אויגן - האב איך אפגעאטעמט, און געבעטן דעם אייבערשטן די טראפן זאלן ארבעטן, און די קינדער זאלן אלע כאפן א גוטע פיינע שלאף. און יא, שכח אייבערשטער די טראפ ארבעט.

מיט אפאר וואכן שפעטער האב איך מער נישט געדארפט ניצן די טראפנ'ס, ווייל די קינדער האבן שוין געוואוסט אז זיי קענען יא איינשלאפן, זיי האבן זיך שוין אליין איבערצייגט אז אויב מען ליגט אין בעט שלאפט מען איין, אומוויסנדיג וואס איז אריין אין זייער גלאז.

("וויכטיג צו דערמאנען אז מיר נעמען נישט קיין שטעלע אויב מען מעג יא אדער נישט געבן מעלאטשו פאר די קינדער, דאס זאלט איר פרעגן אן ערליכן איד").

***

אזוי איז ליצנות. עס איז א שרעקליכע מחלה, א שווערע מגיפה, ס'שלעפט איין דעם מענטש פון זיין עבודת השם, פון זיין חשק און געשמאק אין אידישקייט.

קומט אמאל איינער אריבער צו דיר און וויל דיר פארקויפן אז דאס איז נישט די ריכטיגע וועג, ברסלב האט מען נישט געהאלטן דערפון, און פארן אויף אומאן איז נישט אזוי

פשוט ווי דו מיינסט, און רעדן צום אייבערשטן דארף גיין מיט געוויסע תנאים, אדער נאר אין געוויסע פלעצער, און זיי ווילן דיר פארקויפן א הארטע שטיקל ליצנות.

אוודאי ווייסט מען זיך צו היטן דערפון, דו ווערסט עס נישט איינשלינגען, וויל דו ווייסט אז אויב דו ווערסט אויסהערן דעם לץ וואס מאכט אוועק דעם רבי'ן - וואס וועקט אונז גאר אויף פון שלאף - אזוי ווי אין די הקדמה פון סיפורי מעשיות, זאגט דער רבי: אז די וועלט זאגט דורך סיפורי מעשיות שלאפט מען איין, אבער איך זאג אז מעשיות פון צדיקים וועקן אויף א מענטש פון שלאף, געבן אריין אין דעם מענטש א חשק און געשמאק אין טוען דעם אייבערשטנ'ס רצון, דעם אייבערשטנ'ס ווילן, זיך פרייען מיט א יעדע מצווה, און גלייבן אז א יעדע קליינע טריט וואס דו מאכסט דא אונטן, רוקן גאנצע וועלטן דארט אויבן.

צומאל אבער, קומט דער לץ אזוי באהאלטענערהייט, און ווישט עס אריין אין א זיסע שמועס, און **טראפט** אריין פון די ליצנות אין דיין **קאפ**. ער פילט עס טאקע אן מיט זיסע געשמאקע טרינקען, אבער די ליצנות איז דארט טיף באהאלטן אין די גלאז, און עס **טראפט** אריין אין דיין **קאפ**.

ווי שטארק דארפן מיר זיך היטן פון אזעלכע ליצים וואס זעהען אויס אזוי זיס פונדרויסן, און זאגן "יא, ס'איז יא גוט, מען האט יא געהאלטן, אוודאי איז ברסלב חשוב, אוודאי איז היכל הקודש א גוטע פלאץ, אבער נאר די איין קלייניגקייט וואלט איך געטון אנדערש, אבער נאר די איין מינימאלע זאך האלט איך אז עס איז נישט עפעס ממש אזוי ווי ענק פירן עס היינט אויס". די איין קליינע **טראפ** גייט אריין אין דיין **קאפ** און עס שלעפט דיר איין אין א טיפע, טיפע שלאף.

אז איינער זאגט דיר אז ברסלב וועט דיר שאטן פאר שידוכים, ס'וועט דיר שאטן פאר פרנסה, עס וועט דיר שאטן פון האבן חבר'טעס - קוק אבער אויף זיך, דערווייל האט עס מיר גארנישט געשאדט, עס האט מיר נאר צוגעגעבן אין לעבן, שידוכים זענען גרינגער געגאנגען; פרנסה קומט דאך פונעם אייבערשטן מיט תפילות; און חבר'טעס, דא זענען מיינע בעסטע חבר'טעס. וואס הערסטו אפילו אויס אז איינער רייסט עס אראפ??

דו ווילסט נישט יענער זאל דיר אויפוויזן אז דו קענסט יא איינשלאפן. שפעטער, חלילה, וועסטו אן דעם לץ אפילו- שוין לאנג זיין אין א טיפע שלאף, פון די אלע טראפעלעך ליצנות וואס דו האסט צאמגעהערט. ווייל עס גייט אריין, און אפילו מען הערט שוין אויף נעמען די טראפ, ווערט מען צו דעם צוגעוואוינט, אז עס שלעפט זיך גרינגער איין פון זיך אליין.




מען קען דאך דורכלעבן די זיבעציג יאר, און שלאפן א גוטע שלאף. מען קען אפילו האבן זיסע חלומות אינדערמיט. אבער, די שלאף איז זייער טיף - און ווען מען כאפט זיך אויף ביי די לעצטע טאג, דאן זעט מען וואס די ליצנות האט אלס אפגעטון. איך בין דאך איינגעשלאפן צום סוף. איך האב דאך אפגעלאזט דעם הייליגן רבי'נס עצות, דעם רבינ'ס וועג - אלעס ווייל איך האב זיך געהאלטן אין **קאפ** נאר איין **קליינע טראפעלע** קלוגער ווי צדיקים.

* * *

יעצט אין די טעג פון אדר, זאגן מיר יעדן טאג 'הצילנו מקליפת המן עמלק, וזכני לקדושת מרדכי ואסתר' לאמיר געדענקען וואס מיר זאגן. עמלק איז שוין אוודאי געשטארבן, עשיו'ס קאפ איז אפגעהאקט און האט זיך אריינגעקוילערט צו ליגן נאנט מיט די אבות אין די מערת המכפילה; אבער **עמלק** לעבט נאך מיט אזא שטארקייט צווישן מיר און דיר..

מיר דארפן זיך זייער היטן דערפון, אבער ווי אזוי? אפט מאל קען מען עס נישט זען. איז דא איין עצה: יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן "היט מיר פון עמלק, פון ליצנים, פון ספיקות, בלבולים און אלע מיני מחשבות וואס קומען מיר אריין אין קאפ, וואס ווילן מיר אוועקרייסן פון דעם הייליגן רבינ'ס עצות".

מיר זאגן דאך יעדן טאג, און אויך די וואך שבת זכור גייט מען עס אויסרופן אין שול הויער 'מחה תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח'. ווי אזוי? נאר דורך געדענקען אז עס זענען דא לצים- און בעטן נישט צו האבן צו טוען מיט זיי, אדער אויסהערן סיי וואס פון זיי.

# Rum Ball Cake

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 3/4 CUP SUGAR
- 1 STICK MARGARINE
- 3/4 CUP WATER
- 1 TABLESPOON VANILLA SUGAR
- 3 TABLESPOONS COCOA
- 1 TEASPOON COFFEE
- 1 FULL PACK OF JACK AND JILL COOKIES
- 1 CAP RUM EXTRACT

## DIRECTIONS:

MELT FIRST 6 INGREDIENTS IN A DOUBLE BOILER.

IN A BOWL MIX: JACK AND JILL COOKIES CRUSHED BY HAND INTO BIG PIECES WITH RUM EXTRACT.

ADD MELTED INGREDIENTS TO BOWL AND MIX WELL.

ROLL IN PARCHMENT PAPER LIKE KISHKA. AND FREEZE.

SERVE FROZEN OR REFRIGERATED. ENJOY!





קינדער פלעצל

# צום שמייכלען
# נומער צוויי

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

**ד'תרכ"ז**
**וויכטיגע מעלדונג: פסח גייט מען אנהייבן א...**

**ה'תקס"ב**
**וויכטיגע מעלדונג פורים גייט מען אנהייבן א...**

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן: "ווען דו שרייבסט חידושי תורה און דו קומסט אן צו שרייבן פון 'אמונה' אדער 'צדיק' זאלסטו אויסשפרייטן דעם פענע"

## ברסלב'ע חידות

**עס שטייט אין עצתו אמונה: צדיקים זאגן עס לוינט אריבער צו גיין אלעס וואס מען גייט אריבער, אבי זוכה זיין צו הערן איין מאל**

א. בלאזן שופר
ב. די מגילה
ג. א גוט ווארט
ד. די קראך פון די פיקל

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' אברהם בן רבי נחמן פלעגט זאגן: ווען מען איז מחזק א מענטש דארף מען בעיקר אים געבן חיזוק אויף התבודדות

## געב א שמייכל

**פארוואס האט דער אינגל ארויפגעקלעבט א באנדאזש אויף די עלעוועיטער?**

ווייל דער דאקטער האט געזאגט ער זאל עס לייגן אויף די פלאץ ווי ער האט זיך צוקלאפט

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**מא. לֶעָתִיד לָבוֹא כָּל אֶחָד הַזָּעִיר מֵחֲבֵרוֹ בְּשָׁנִים יִהְיֶה יוֹתֵר לְמַעְלָה.**

וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועלְן יוּנְגֶערֶע מֶענְטְשְׁן זַיין מֶער חָשׁוּבֶער פוּן עֶלְטֶערֶע.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל ווען דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **מרדכי העסקעל - קרית ברסלב - כתה א**

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פיאָרִיגֶע מָאל הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן מֶענְדִי, יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: צִירִי דֶערְצֵיילְט:

הַיינְט בִּין אִיךְ נִישְׁט אַהֵיים מִיט דִי בָּאס, מַיין מַאמֶע אִיז מִיר גֶעקוּמֶען אוֹיפְפִּיקְן!

אִיר זֶענְט נֵייגֶערִיג פַּארְוָואס?

קוֹדֶם כָּל מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין נֵייגֶערִיג, אָבֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ פַּארְצֵיילְן.

הַיינְט זֶענֶען מִיר אַרוֹיס קוֹיפְן נֵייעֶ יוֹם טוֹב'דִיגֶע קְלֵיידֶער, לְכָבוֹד פֶּסַח אוּן אוֹיךְ לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה פוּן פֶּעטֶער בָּרוּךְ, וָואס גֵייט זַיין אי"ה נָאךְ שָׁבוּעוֹת!

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוַוארְט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיף דִי קְלִינְג פוּן גְלָאק וָואס מֶעלְדְט אַז סְקוּל הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט מֶען גֵייט אַהֵיים!

אִיךְ אוּן הֶענְדִי הָאבְּן גֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן בִּיז מַיין מַאמֶע מִיט נָתִי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען.

"אוֹי, סְ'גָארְנִישְׁט דָא קַיין שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער!" הָאבּ אִיךְ גֶעקְרֶעכְצְט אַרוּמְגֵייעֶנְדִיג פוּן אֵיין גֶעשֶׁעפְט צוּם צְוֵוייטְן.

"וָואס וֶועט דָא זַיין?"

"אִיךְ וֵוייס פַּארְוָואס, וַוייל אִיךְ הָאבּ פַּארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" הָאט הֶענְדִי אוֹיסְגֶערוּפְן.

"אָה, טַאקֶע!" הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט, אִיז לָאמִיר יֶעצְט בֶּעטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן טְרֶעפְן שֵׁיינֶע, גוּטֶע, הֶערְלִיכֶע, בַּאקְוֶועמֶע, צְנִיעוּת'דִיגֶע, אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער, וָואס זָאל פַּאסְן שֵׁיין אוֹיף אוּנְז אוּן עֶס זָאל נִישְׁט קָאסְטְן טֵייעֶר!" הָאבְּן אִיךְ, הֶענְדִי אוּן מַיין מַאמֶע אִינְאֵיינֶעם גֶעבֶּעטְן.

"אָה, אֶפְשָׁר אִין דִי גֶעשֶׁעפְט קֶען מֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס פַּאסִיג? אִיךְ זֶע אַז זֵיי מַאכְן יֶעצְט אַ סֶעיל".

"סֵיינֶע, נֶעם!" נָתִי הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ קְלֵיין גְרוֹיעֶ וָואכְנְדִיגֶע שֶׁעסְל "סֵיינֶע, סֵיינֶע..."

"זִיסְקֵייט! מֶען זָאל עֶס קוֹיפְן לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה? אֶפְשָׁר פַּאר נָתִי? - הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּלַאכְט - אֵייבִּיג הָאסְטוּ לִיבּ צוּ הֶעלְפְן קוֹיפְן, אִיךְ מֵיין אַז נֶעקְסְטֶע מָאל זָאלְסְטוּ גֵיין אַלֵיין קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה!"

"צִירִי, וָואס זָאגְסְטוּ אוֹיף דֶעם?"

הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶעפְרֶעגְט צֵייגְנְדִיג אוֹיף אַ שֵׁיינֶע עֶלֶעגַאנְטֶע קְלֵייד.

"וַואוּ! עֶס אִיז הֶערְלִיךְ! לָאמִיר זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט אוֹיף מִיר".

אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעטוּן, זִיךְ גֶעקוּקְט אִין שְׁפִּיגְל אוּן נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן! עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, פּוּנְקְט דִי קָאלִיר וָואס אִיךְ גְלַייךְ, עֶס אִיז אַ בַּאקְוֶועמֶע, אַ לוּפְטִיגֶע, עֶס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר פַּאסִיג פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ פַאר דִי חֲתוּנָה...

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּקְט דִי קְלֵייד פוּן אוֹיבְן אוֹיף אַרָאפּ, פָארְשְׁטֶעלְנְדִיג זִיךְ ווִי אִיךְ זִיץ בַּיים סֵדֶר, אָדֶער אִיךְ טַאנְץ בַּיי דִי חֲתוּנָה מִיט דִי הֶערְלִיכֶע קְלֵייד.

לָאמִיר זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז שֵׁיין... דִי הַאלְז אִיז זֵייעֶר פֵּיין צוּגֶעמַאכְט, דִי עֶרְמְל אִיז גֶענוּג לַאנְג, עֶס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר בַּאקְוֶועם בְּרֵייט... אָבֶער דָא אוּנְטְן אִיז עֶס עֶפֶּעס נִישְׁט אֵיידְל, נִישְׁט שֵׁיין... אָה, עֶס אִיז צוּ קוּרְץ, אַזַא שָׁאד! סְ'פַּארְפַּאטְשְׁקֶעט דִי גַאנְצֶע שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי קְלֵייד!

"מַאמִי, קוּק, אַלֶעס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, נָאר דָא אוּנְטְן אִיז עֶס קוּרְץ, אֶפְשָׁר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע מָאס (סֵייז) אַז עֶס זָאל יָא זַיין גֶעשְׁמַאק לַאנְג אוּן שֵׁיין?

"אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צִירִי, אַז דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז עֶכְט שֵׁיין - הָאט מַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ נַחַת שְׁמֵייכְל - נִישְׁט וָואס דֶער גוֹי זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין אוּן נִישְׁט וָואס דִי חַבֶרְ'טֶע הָאט בַּאשְׁלָאסְן, אַז עֶס אִיז פַּאסִיג. נָאר וָואס דֶער

ל. סאקס

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין, דָאס אִיז בֶּאֱמֶת שֵׁיין!"

"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי שֵׁיינְקֵייט, אִיז זִיכֶער אַז וָואס עֶר זָאגְט, דָאס אִיז שֵׁיין!!!" הָאט הֶענְדִי גֶעזָאגְט מִיט אַ קְלָארְקֵייט...

"עֶס דֶערְמַאנְט מִיר וָואס מַיין לֶערְן הָאט הַיינְט גֶעזָאגְט, וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען אַלֶע גוֹי'שֶׁע מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפּוּצְט אַ יָאר צַייט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וֶועלְנְדִיג וֶוערְן אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין דִי חָשׁוּבְ'עֶ קֶענִיגְן, אוּן אֲפִילוּ אַזַא נַארִישֶׁער גוֹי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעזֶען אַז דִי שֶׁענְסְטֶע מֵיידְל אִיז אֶסְתֵּר, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין, אֵיידְל, צוּגֶעדֶעקְט אוּן בַּאשֵׁיידְן, זִי הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעפּוּצְט, זִי אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט שֵׁיין, מִיט אַן עֶכְטֶע חֵן! נִישְׁט אַ גֶעמַאכְטֶע פַאלְשֶׁע שֵׁיינְקֵייט".

"זֵייעֶר רִיכְטִיג צִירִי!" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט, "אָבֶּער וֵייס וָואס אִיז מִיר יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן?"

"וָואס?" הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מִיט אִינְטֶערֶעס.

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער.



# קליין און פיין


לייבי און נפתלי נטע ראטענבערג


חי' צירל פורסט


אליעזר שלמה בוים


משפחת טיקאלסקי


אליעזר שלמה טייטלבוים


ישראל שמעון שטרויס און עמרם ראטה


יחזקאל ראטה


אליעזר שלמה שטראססער און יואליש סאמעט


הערשי יאקאבאוויטש


שלום פאראקאש


משפחת אפפענהיים

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אדי כץ


אדי היימליך


חי' אסתר יאקאבאוויטש


חני און מלכי פורסט


חי' כץ


יואליש סאמעט


נחמן יאקאבאוויטש


נחמן נתן און הערש מיילעך לעסער


אליעזר שלמה יאקאבאוויטש


יונתן לעסער


אליעזר שלמה שטראססער


משפחת סאמעט א היט פון אייז


עמרם ראטה


עליזה מזרחי

שמואל ב

# צום שמייכלען



איינגערע קינדער

ס'איז אמאל געווען דריי מענטשן וואס זענען פאראורטיילט געווארן פאר 30 יאר טורמע, א איד, א ווייסע גוי מיט א שווארצער, מ'האט זיי אלע געזאגט אז זיי קענען נעמען איין זאך וואס זיי וואלטן געוואלט האבן אין תפיסה. דער איד רופט זיך אן - פארשטייט זיך - אז ער וויל מ'זאל אים געבן א ש"ס ער זאל קענען אויסנוצן די צייט, דער גוי האט געבעטן מ'זאל אים געבן ביכער פון אלע חכמות, און דער שווארצער בקשה איז געווען מ'זאל אים געבן א פאלאט ציגארעטלעך.

דרייסיג יאר שפעטער; דער איד קומט ארויס, א תלמוד חכם עצום, ער קען גאנץ ש"ס מיט אלע רש"י תוספות בעל פה, ער ווערט א דיין.

דער גוי קומט ארויס, א פערטיגער אינדזשעניר, דאקטער, פראפעסער, לויער, יעדע נושא האט ער ארויס דורך און דורך, מ'האט אים געהייערט צו זיין פון די הויכע פענסטערס און וואשינגטאן.

דער שווארצער קומט ארויס, און הייבט אן שרייען: "מ'האט מיר נישט געגעבן קיין פייער פאר די ציגארעטל!"...

עלטערע קינדער

א איד האט מיר פארציילט אז זייט די אייער איז אזוי טייער האט ער געעפנט א פארעם ביי אים אינדערהיים, אין זיין פלעי רום האט ער דארטן פינף כפרות, דריי ציגעלעך מיט צוויי לעמעלעך, פרעג איך אים: "וואס? דו נעמסט אריין די ציגעלעך ביי דיר אינדערהיים? וואס איז מיט די שמעק?" זאגט ער מיר: "די ציגעלע וועט זיך צוגעוואוינען"...

בחורים

א אינגל איז אמאל אריינגעקומען אין גראסערי און פרעגט פונעם רעכענער: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס", ענטפערט דער רעכענער: "אונז האמיר נישט". די נעקסטע טאג קומט דער אינגל פרעגן: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס", ענטפערט ער: "איך האב דיר שוין געזאגט נעכטן, אונז האמיר נישט", א טאג שפעטער קומט ער נאכאמאל: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס", "האסט נישט געהערט? ניין! אונז האמיר נישט!" א טאג שפעטער, עודך: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס", ס'איז די לעצטע מאל איך ענטפער דיר, "ניין!" א טאג שפעטער קומט דער אינגל אריין: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס", דער רעכענער נעמט דיך שרייען: "נאך איינמאל דו פרעגסט מיך איבער גיי איך צוקלעבן דיין מויל מיט קרעיזי גלו!!"

די נעקסטע טאג קומט דער אינגל אריין פרעגן: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קרעיזי גלו" ענטפערט דער רעכענער: "ניין, ס'איז שוין אויסגעגאנגען", רופט זיך דער אינגל אן: "מיין מאמע פרעגט אויב דו האסט קוקיס מיט גרינע ספרינקלס"...

אינגעלייט

יעצט וויל איך ענק פארציילן א מעשה: איינמאל, איז געווען, א פאדקעסט. און היינט איז שוין דא פופציג...

באלעס

א איד איז געקומען צו א רב זיך פארהערן צו ווערן א שוחט, דער רב פרעגט אים די ערשטע שאלה: "וואס מיינט א 'סכין אוגרת'?" ענטפערט ער: "א מיידל פון צוועלף יאר", פרעגט אים דער רב: "דעמאלטס וואס מיינט א בוגרת?" ענטפערט ער: "פארטריקנטע פייגן", "אה... דעמאלטס וואס מיינט גרוגרות?" האט ער געענטפערט: "א ספק זכור ספק נקבה", פרעגט דער רב: "דעמאלטס וואס מיינט אנדרוגינוס?" זאגט ער, "ער איז געווען דער רוימישער קיסר", פרעגט אים דער רב: "דעמאלטס ווער איז געווען אנדרינוס המלך?" ענטפערט דער איד: "דער רב זאל מיר מוחל זיין, אבער איך מיין דאס האט שוין גארנישט מיט שחיטה"...




# קלאסיפיידס


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מר"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו**
**וזוגתו פייגא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


Deadline to advertise Sunday 12:00


dominogrp.com

ב"ה

ראש חודש
אדר שנת
תשפ"ה לפ"ק

# ועד מרישא גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

| ליקוטי מוהר"ן | עצתו אמונה | איש אמונות |
|---|---|---|
| תורה ז' | חלק א' | תש"פ חלק א' |
| ערשטע פאזע: 1 הגהה וניקוד | עודן! דריטע פאזע: 3 הגהה | פערטע פאזע: 4 דריקן |

מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה',
רופט שוין: ר' ישעי איידליס הי"ו: 347.831.1391 / ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו: 917.589.3382

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק



סיום ספר קריאה נעימה אין כיתה ב' קרית ברסלב



הנהלת בית התבשיל ביי א זיצונג זיך גרייטענדיג פארן יו"ט פסח הבעל"ט



**אנשי שלומינו ארבעטן צו אהער שטעלן א נייע ביהמ"ד היכל הקודש אין בית שמש**




**דער נייע ביהמ"ד היכל הקודש אין רמה ד' בית שמש שיין אהער געשטעלט לכבוד שבת**




**די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק ליינען קריאת שמע פאר הילד בן מו"ה נתנאל לב הי"ו**

קרעדיט: לייבי ראטה, שמעון פיש, איציק מענדעלאוויטש, יוחנן שור, אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פורטגאל, לייבי ראטה



**אסיפת הורים אין קרית ברסלב - דינסטאג תרומה**



**ביים ציון פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע ליל ששי תרומה**



**התחלת ספר תהילים אין כיתה ב' קרית ברסלב**





**שיעור ליל ששי פרשת תרומה אין היכל הקודש סטעטן איילענד**






**ברית פון הילד עמרם נ"י בן מו"ה שמעון רוטה הי"ו - ערב שבת תרומה**

קרעדיט: שמעון פיש, מרדכי ראזענפעלד, שלמה האממער